# דער יוד

# (DER JUDE)

צייטשריפט

## פיר אלע יודישע אינטערעסען.

ערשיינט יעדע וואָך.

פערלאג: חברה „אחיאסף“.



אבאנאמענטס פרייז יאֶהרליך:
אֶסטרייך-אונגארן —.6 פלארין.
האַלביאֶהריג —.3 ״
פירטעליאֶהריג 1.50 ״
דייטשלאנד —.10 מארק.
ארץ ישראל —.12 פראנק.
אנדערע לענדער —.15 ״
אמעריקא, ענגלאנד—.10 שילינג.

פרייז פון מודעות (אנצייגען):
פיר יעדער קליינע שורה פעטיט
10 קרייצער, 25 פפעניג, 10 קאפ.



דער פרייז פיר רוססלאנד:
גאנץ יאֶהרליך —.5 רוביל.
האלב יאֶהרליך —.3 רוביל:
פיערטעל יאֶהרליך 1.50 רו״כ.
מען קען אויך אויסצאהלען אין
3 ראטען:
ביים אבאנירען — 2 רוביל
דען 1טען אפריל — 2 ״
דען 1טען אויגוסט — 1 ״

ענדערען די אדרעסע קאסט
20 קאפ.



קראקויא, אדר ב׳ תר״ס. נומר 8. Krakau, 1 März 1900.


## אינהאלט:


א) נאַציאָנאלע גערעכטיגקייט אין עסטרייך. י. ל.
ב) אונזער שטודירענדע יוגענד. ה. ד. הורוויץ.
ג) צייטונגס-שטימען. א. ע.
ד) פאליטישע איבערזיכט. י. ל.
ה) בריעף פון ארץ ישראל. דער אלטער ציוניסט.
ו) יודישע שטעדט און שטעדטליך. אמת.
ז) די יודישע וועלט.
ח) אלגעמיינע וועלט נייעס.
ט) ציון ליעדער. געדיכט. ש. פרוג.
י) עראינערונגען פון קינדישען לעבען. י. דינעזאָהן.
יא) קאליקעס. ערצעהלונג. מ. ספעקטאָר.
יב) בריעף צו דער רעדאקציע. משה ליב ליליענבלום.
יג) אַ וועלט מיט וועלטליך. פעליעטאָן. א. ל. לעווינסקי.


### ה. תר״ס ← וואכען-קאלענדער (לוח) ← 1900

| די טעג פון חודש | וואָך | אדר ב׳ (פעווראל) מערץ-מארזעץ | נייער ס. מערץ | אלט. ס. פעווראל |
|---|---|---|---|---|
| ג | זונטאג | | 4 | 20 |
| ד | מאנטאג | | 5 | 21 |
| ה | דינסטאג | | 6 | 22 |
| ו | מיטוואך | | 7 | 23 |
| ז | דאנערס. | | 8 | 24 |
| ח | פרייטאג | | 9 | 25 |
| ט | שבת | פ׳ ויקרא, זכור. | 10 | 26 |

| טאג | יאהר | קורצע פערצייכנונגען פון דער יודישער געשיכטע. |
|---|---|---|
| ג׳ | ה שע״ב | נפטר געוואָרען אין פאָזען ר׳ מרדכי יפה, „בעל הלבושים“. |
| ד׳ | ה. ת״ר | דער אונגארישער רייכסראטה האָט בעשלאָסען צו געבען יודען בירגעררעכטע. |
| ה׳ | תרכ״ח | נפטר געוואָרען הגאון ר׳ ישעיה מושקאט איןווארשא |
| ו׳ | ה.ק״ט | בשעת דער „שווארצער מגפה“ פערברענט אין וואָרמס אלע יודישע איינוואָהנער — 1480 מענשען. |
| ז׳ | ה.רמ״ו | פערברענט אויף קדוש השם 550 אנוסים אין טאָלעדאָ. |
| ח׳ | תרמ״ח | געשטאָרבען אין גלוחאָוו דער העברעאישער שריפטשטעללער אלעזר צבי הכהן צווייפעל. |
| ט׳ | | האָבען זיך אָנגעהויבען די מחלוקות פון בית הלל ושמאי. |


## צו אַבאָנירען:

**אין קראקא:**
Administration „DER JUDE“, Krakau, Dietelsgasse 45.

**אין ווארשא:**
Verlag „Achiasaf“, Warschau, Postkiste Nr 25, mündlich: Twarda 6, Thür II

**אין וויען:**
E. Torczyner, Wien I, Rudolfsplatz 6.

**אין לאדז, ביי אונזערעם פערטרעטער:**
S. Hochberg, Lodż, Cegielnianastr. 36.

„דער יוד“ איז אויך איינגעטראגען אין דער צייטונגספרייזליסטע דער ק. ק. עסטרייכישען פאָסט אונטער דער נומער:
1920 a Nachtrag VII.

# צו אינזערע געעהרטע מיטארבייטער

מיר בעטען אונזערע ג. מיטארבייטער,
אלע ארטיקלען פאר דעם „יוד“ צו שיקען
אויפ׳ן אדרעס פון „אחיאסף“:

**Verlag „ACHIASAF“, Warschau.**

---

חברת

# אחיאסף

מקבלת החתימה לשנת 1900

למכ״ע:

המליץ, הצפירה, השבוע, התחיה, גן שעשועים, Buduschtnost, Woschod, „די וועלט“ באשכנזית, Allgemeine Zeitung des Judenthums, וזרנון, Oesterreichische Wochenschrift, L'Echo sioniste

למקחי הרידקציה.

*Verlag „ACHIASAF“ Warschau.*

---

## יי״ש לחג הפסח למהדרין ולמבינים.

היי״ש שלי ב״ה נודע כבר בטוב טעמו וריחו ובזך מראהו וכן ביתרון הכשרו (כל הפועלים והעוסקים אצלי המה מאחבנ״י) כמו שיעידו ויגידו הגאונים והצדיקים: מו״צ דק״ק הוראדנא,
ה״ר מרן ר׳ ברוך מרדכי ליבשיטץ זללה״ה אב״ד דק״ק שעדליץ.
ה״ה מרן ר׳ אליהו חיים מייזיל שליט״א אב״ד דק״ק לאדז.
אדמו״ר ר׳ גרשון הינך זללה״ה מראדזין.
ה״ר מרן ר׳ יוסף דובער זללה״ה אב״ד דק״ק בריסק.
ה״ה מרן ר׳ חיים הלוי סאלאווייציק שליט״א אב״ד דק״ק בריסק.
ה״ר מרן ר׳ יצחק אלחנן ספעקטאר זללה״ה אב״ד דק״ק קאוונא.
ועוד ועוד.

כל הקונים יוכלו לקבל היי״ש בבקבוקים חבושי פסים, בני $1/20$ $1/10$ ההין, ישר מהזאוואד שלי מוכן למכירה ישר לידיהם ואינו נחוץ לשלחו להקאזיאני סקלאד.

הקונים הפרטים יקבלו את היי״ש פסח שלי וכן מנוקה וישן בכל הרינסקע פאגרעבין וטראקטירין הגדולים וכן יוכלו לקבל ישר מהזאוואד שלי אך לא פחות מהון שלם (20 בקבוקים בני $1/20$ ההין).

הקונים ידרשו כי על הבקבוקים יהיה העטיקעט שלי ממראה מגן דוד וכן על כל בקבוק נדבק הכשר מהרבנים הגאונים הנ״ל וישימו נא זאת הדורשים יי״ש פסח אל לבם.

**נאום דובער בהגאון מוהר״ר מרדכי גימפל זללה״ה יפה.**

---

**Fabryka perfum i kosmetyków pod firmą „IRIS“**

## H Lachs, Warszawa, Solna 9




poleca zatwierdzony przez Warszawski Urząd lekarski za Nr. 337

**Puder „Iris“,** zupełnie nieszkodliwy.

Wskutek podrabiania upraszam o zwracanie uwagę na zatwierdzone przez Ministeryum Finansów w Rosyi fabryczne znaki „Iris“ Nr. 337.

**Dostać można we wszystkich składach aptecznych i perfumeryach.**

Żądać z podpisem: *H. Lachs.*

---

## ברוך־
## בענדער!



האלטען איין דען שווערסטען ברוך אונד דריקען נישט דעם קערפער. נאגראדע פאן דאקטארסקע אויסשטעלונג.

**D. MOSZKOWSKI,**
**Warszawa, Muranów 16.**

---

Ch. Ritzenberg



Warszawa, Dzika 44.

די בעוואוסטע פאבריק פון גילזען מאשינען ארבייט אויס אויך מאשינען צו שטאפ-גילזען נייעסטער סיסטעם. פיר גוטהייט און דויערהאפטיגקייט ווירד גאראנטירט.

---

ווער עס וויל און קען פערקויפען די
נומער 1 „**דער יוד**“ פונ׳ם **1899 יאהר**
זאל ארײנשיקען צו חברת „אחיאסף“ ווארשא
וועט ער בעקומען **15** קאפ׳ פאר א נומער.

**Verlag „ACHIASAF“ Warschau.**

---

ה׳ אנדרסן

## ספורים והגדות

כתובים עברית עם פתח דבר
מאת **דוד פרישמאן.**
ספר מקרא מיוחד לגדולים ולקטנים.

כל מכה״ע העברים מלאו פיהם תהלתו, וינידו פה אחד כי הספר הזה חזון יקר הוא בספרותנו בלשונו הצחה וברעיוניו הנעלים.

מחירו 60 קאפ׳ ועם פארטא 70 קאפ׳.
מכורך ביופי והדר עם פארטא 1 ר׳.

להשיגו אצל:

*Verlag „ACHIASAF“ Warschau.*

---

## נור מיט עטליכע רובל

קאן יעדער מענש ביי זיך אויפ׳ן ארט א גוטע פרנסה איינפיהרע אזוי ווי איך גיב צו ערקלערען דורך א בריעף געגען א 7 קאפ׳ מארקע.

אדרעסירען:

Warschau, Russie. Post-Restant, Mr. I. Naiditsch,

---

## פריילינען און דאמען

קענען זיך אויסלערנען גוט שניידען און נייהען אין אקורצע צייט דורך בריעף אין זארגאן, רוסיש אין דייטש. די מעטאדע איז די בעסטע און די גרינגסטע. אפילו 12 יעהריגע מעדכען קענען זיך גוט אויסלערנען. אויף תשובה א מארקע. ניט זוימט און פרעגט אן ביי:

Mme. Naiditsch, Dawid-Horodok, Gouv. Minsk, Russie.

II. Jahrgang. **DER JUDE.** Nr. 8.

# דער יוד

דער פרייז פיר רוססלאנד:
גאנץ-יאהרליך 5.— רוביל.
האלב-יאהרליך 3.— רוביל.
פירטעל-יאהרליך 1.50 רוביל.
מען קען אויך אויסצאהלען אין 3 ראטען:
ביים אבאנירען — 2 רוביל
דען 1טען אפריל — 2 "
דען 1טען אויגוסט — 1 "

ענדערען די אדרעסע קאסט 20 קאפ.

ציישריפט
פיר אלע יודישע אינטערעסען.
ערשיינט יעדע וואך.
פערלאג: חברת „אחיאסף".

אבאנאמענטס פרייז יאהרליך:
אסטרייך-אונגארן 6.— פלארין.
האלביאהריג 3.— "
פירטעליאהריג 1.50 "
דייטשלאנד 10.— מארק.
ארץ ישראל 12.— פראנק.
אנדערע לענדער 15.— "
אמעריקא, ענגלאנד 10.— שילינג.

פרייז פון מודעות (אנצייגען):
פיר יעדע קליינע שורה פעטיט
10 קרייצער, 25 פפעניג, 10 קאפ.

Erscheint Donnerstag.

**Krakau**, 1 März, 1900. נומער 8. **קראקויא**, אדר ב' תר"ס.

## נאציאנאלע גערעכטיגקייט אין עסטרייך.

פון די מחלוקות צווישען די פערשיעדענע נאציאנען פון עסטרייך, פון די אונארדענונגען וואס זענען ענטשטאנען אין זייער קאמפף פאר נאציאנאלע זעלבסטשטענדיגקייט, פון דעם גרויסען תהו ובהו שווימט ארויס א נייע אידעע, וואס ווערט אליץ קלערער און וואס נעהנט זיך אליץ מעהר צום פראקטישען לעבען. דאס איז דער געדאנק פון נאציאנאלער גערעכטיגקייט. מע הויבט אן אליין מעהר צו פערשטעהן, דאס אין נאציאנאלע פראגען קען אויך ניט אלעס אנגענומען ווערען נאך דעם וואונש פון דער מעהרהייט אזוי ווי אין פראגען פון גלויבען. נאציאנאלע פראגען ריהרען אן די פיינסטע סטרונעס פון דער מענשליכער נשמה, די טיעפסטע ווינקעליך פון הארצען, און מענשען ווערען זיך ניט לאזען און קענען זיך אויך ניט אבזאגען פון זייערע שטארקסטע געפיהלען, וואס זענען צוזאמענגעוואקסען מיט זייער גאנצען לעבען, און קענען ניט איבערמאכען זייערע פערלאנגען און געדאנקען נאך דעם בעשלוס פון דער מעהרהייט.

דער קאמפף צווישען די פערשיעדענע עסטרייכישע נאציאנען דערווייטערט דאס פעלד פון גערעכטיגקייט, וועלכע וויל אויך בעפריעדיגען דעם פערלאנג פון די קלענערע און שוואכערע פעלקער. די ערשטע בעגריפע פון מוסר, גערעכטיגקייט אין לעבען צווישען איינצעלנע מענשען ענטשטעהען אין קאמפף פון איינצעלנע מענשען שוין אין די ווילדעסטע געזעלשאפטען, ווייל אויך דארטען בעגעגענען זיך שוין די אינטערעסען פון מענשען מיט פערשיעדענער שטארקייט, מיט פערשיעדענע פאדערונגען. אין קאמפף פון מענשען מיט פערשיעדענע גלויבענס ערווייטערט זיך ווידער אונזער געדאנק פון יושר, וואס פאדערט גלייכהייט פאר אלע רעליגיאנען, און אין קאמפף פון פערשיעדענע פעלקער פאר זייער זעלבסטשטענדיגקייט ערווייטערט זיך דער בעגריף פון יושר אויך איבער פעלקער.

אלע העכערע אידעאלען פון מוסר, פון יושר אין פריוואטלעבען, פון יושר צו די פערשיעדענע גלויבענס, און צו פערשיעדענע נאציאנען קאסטען פיעל בלוט און אסך לעבענס. דער וועג צו די העכערע אידעאלען שטעהט פאר די מענשהייט ניט אפען, דעם וועג דארף מען זיך דורכשלאגען מיט כח, מיט לאנגע און שווערע מלחמות. שוין 50 יאהר דויערן די קעמפפע אין עסטרייך, אין די לעצטע יאהרען ווערט די מלחמה אליץ שטארקער און מען פיהלט אליץ מעהר אז די אונגערעכטיגקייט צו די נאציאנען, וועלכע זענען ביז איצט געווען אונטערדריקט נעמט צו פון לאנד־עדע מעגליכקייט זיך צו ענטוויקלען און מאכט אין גאנצען אנ'עק פון דער עסטרייכישער מלוכה. פאר עסטרייך, וואס האט צוזאמענגעמישט און ניט פערשמאלצען אין איין קערפער די פערשיעדענסטע פעלקער, בלייבט דערפאר קיין זאך ניט איבריג, ווי נור צו געבען זעלבסטשטענדיגקייט די אלע פעלקער, וועלכע זענען געווען אונטערדריקט און וועלכע שטרעבען יעצט צו אנ'אייגענעם נאציאנאלען לעבען.

די נאציאנאלע בעוועגונג האט אין עסטרייך ארויסגערופען די גרעסטע פערענדערונגען. שפראכען, אין גאנצען אויסגעשטארבענע, זענען צוריק לעבעדיג געווארען; פעלקער, כמעט אין גאנצען אסימילירטע, האבען ארויסגעטריבען פון זיך דעם פרעמדען גייסט און האבען אנגעהויבען צו פיהרען א זעלבסטשטענדיג לעבען. די אונגארן, טשעכען, רוסינען, סערבען, רומינען, קראאטען האבען אין גאנצען אראבגעווארפען פון זיך די הערשאפט פון דער דייטשער שפראך און דייטשער קולטור, וועלכע האבען פריהער געוועלטיגט איבער'ן גאנצען לאנד, און זענען געווארען שטארקע נאציאנאלע קערפער. דערמיט אבער איז נאך די נאציאנאלע פראגע אין עסטרייך ניט געענדיגט. ניט אין דעם אליין בעשטעהט נאך אייגענטליך דער נייער וועג פאר נאציאנאלע גערעכטיגקייט. דאס רעכט פון יעדען פאלק, וואס האט אנ'אייגען בעשטימטעס לאנד, צו פיהרען א אייגענעם נאציאנאלעס לעבען, איז שוין לאנג פון אלעמען אנגענומען. דער נייער נצחון פון יושר און זיין ערווייטערונג בעשטעהט אין דעם, ווי עס ווערט איצט ענטשיעדען די פראגע איבער פערשיעדענע נאציאנען וועלכע וואהנען געמישט אין איין לאנד, ווי צום ביישפיעל אין גאליציען, וואו עס וואהנען פאליאקען און רוסינען, אין בעהמען וואו עס וואהנען טשעכען מיט דייטשען, אין מעהרען — סלאווען מיט דייטשען, אין אונגארן — מאדיארען, דייטשען, רומינען און סלאוואקען.

אין די אלע לענדער וואהנען פעלקער, פון וועלכע יעדעס וויל אז זיין שפראך זאל ווערען אפיציעל אין געריכט, אין מאגיסטראט, אין פאליציי און דערהויפט אין די שולען, און אום צו מאכען א שלום צווישען די אלע פאדערונגען איז איצט פארגעלעגט אז אין די שטעדט, וואו די בעפעלקערונג איז געמישט, זאלען ביידע שפראכען זיין גלייך אפיציעל, די בעאמטע דארפען קענען די שפראך פון דער בעפעלקערונג, דערלאנגען פאפירען און רעדען פאר געריכט זאל יעדער מעגען אין זיין שפראך, און ווען עס איז נור דא א בעשטימטע צאהל פון קינדער פון איין נאציאן, זאלען פון דער רעגירונג געגרינדעט ווערען שולען לויט די פאדערונגען פון זייערע עלטערן. אויך ביז איצט זענען דא אין גאליציען פוילישע, דייטשע און רוסינישע גימנאזיעס און רעאלשולען, אין בעהמען טשעכישע, און דייטשע שולען. די איינטהיילונג איז אבער ניט נאך דעם פראצענט פון דער בעפעלקערונג.

עס איז קיין ספק ניט מעהר, אז די פראגען וועלען ענטשיעדען ווערען לויט די פאדערונגען פון יושר און אז עס וועט קומען די צייט דאס יעדע נאציאן, אפילו די קלענערע און אפילו ווען זי וואהנט ניט אין איהר אייגענעם היסטארישען לאנד, וועט קריגען נאציאנאלע רעכטע

ליכע צייט פֿון נצחון, ווען די נאַציאָנאַלע גערעכטיגקייט הויבט אויף אַליין העכער איהר שטים, ווען נאַציאָנאַלע פֿאָרדערונגען פֿון אַנדערע פֿעלקער ווערען בעפֿריעדיגט, בלייבען מיר דאָס איינציגע פֿאָלק מיט די אונבעפֿרידיגטע נאַציאָנאַלע געפֿיהלען און מיט די שרעקליכע, טיעפֿע וואונדען אין האַרצען.

י. ל.

---

# אונזער שטודיערענדע יוגענד.

(פֿאָרטזעטצונג)

און ווייל די תּוֹרָה איז ווי אַ מין פַּרְנָסָה געוואָרען, ווייל דער יודישער סטודענט לערנט ניט וואָס ער וויל, צו וואָס ער האָט מיט אַ אֱמֶת אַ חֵשֶׁק און אַ אינטערעס, נאָר אָט דאָס, וואָס גיט איהם אָדער קען איהם וועניגסטענס געבען שפּעטער מיטעל צו פֿערדיענען זיין ברויט, דערפֿאַר ווערט ער אויך אין זיין גאַנצען איבעריגען לעבען אַ פּראַקטיקער. האַלב אַ סקעפּטיקער, האַלב אַ מאַטעריאַליסט, האַלב אַ געלעהרענטער און האַלב אַ קויפֿמאַן, און זיין גייסטיגע געשטאַלט ווערט עפּיס אַ מאָדנע, אַנ'אונבעשטימטע, און אין איהר מישען זיך זעהר פֿערשיעדענע, אָפּט קראַנקהאַפּטע ערשיינונגען... דאָס פֿערהאַלטען זיך פֿון דעם יודישען סטודענטען צו אַלע ברענענדיגע פֿראַגען פֿון דער צייט טראָגט אויף זיך די חֲתִימָה אַ ביסעל פֿון פֿערצווייפֿלונג, אַ ביסעל פֿון פּראַקטישער, קויפֿמענישער קלוגהייט; איהם פֿעהלט דאָס רוֹב די טיעפֿע בעגייסטערונג און הִתְפַּעֲלוּת פֿאַר אַלע הויכע אידעאַלען און צוועקען. ער בלייבט דאָס רוֹב קריטיקער און צווייפֿלער, ער וויל אַלעס פֿערשטעהן, מיט אונרוהע און נייגיער פֿערפֿאָלגט ער אַלעס וואָס קומט פֿאָר אַרום איהם אָבער ער פֿיהלט ניט די קראַפֿט, אַז ער זאָל זיך קענען גאָר אין גאַנצען אָבגעבען וועלכער־ניט־איז געזעלשאַפֿטליכער בעוועגונג. איהם פֿעהלט דערצו דער מוּטָה, איהם פֿעהלט — די אמוּנה...

דער יודישער סטודענט בלייבט געוועהנליך דער אייגענער צוקוקער און סקעפּטיקער אויך צו דער געזעלשאַפֿטליכער בעוועגונג, וואָס דאַרף איהם נעהנטער זיין פֿון אַלע, איך מיין, ווי עס פֿערשטעהט זיך פֿון זעלבסט, צו אונזער נאַציאָנאַלער בעוועגונג, צום „ציוניזם“. דאָס רוֹב פֿון אונזערע יודישע סטודענטען און סטודענטקעס פֿערהאַלטען זיך צו דער ציוניסטישער בעוועגונג, קאַלט, גלייכגילטיג, אַקוראַט ווי די בעוועגונג איז ניט נוֹגֵעַ צו זייערע אייגענע אָרימע ברידער, וועלכע זוכען אַ אויסוועג פֿון זייער לאַגע. איך קען צום ביישפּיעל זעהר אַ גרויסע שטאָדט אין אויסלאַנד, אין וועלכער די צאַהל פֿון רוסיש יודישע סטודענטען איז גרויס גענוג, און דאָך געפֿינען זיך צווישען זיי קוים אַפּאָר צעהנדליג ציוניסטען, און וואָס פֿאַר אַ ציוניסטען! אפילו אין דעם פֿעראיין וואָס איז געגרינדעט געוואָרען מעהר ניט ווי צום שטודירען פֿון יודישע געשיכטע און קולטור — דאָס הייסט, מעהר אַ נאַציאָנאַלע ווי אַ ציוניסטישע סטודענטען — פֿערבינדונג, אפילו אין דעם פֿעראיין איז ניט מעהר ווי 30 — 20 מיטגליעדער. און וואָס פֿאַר אַ אָרימעס לעבען פֿיהרט דער סטודענטען — פֿעראיין! אַמאָל אַשְׁמִיטָה האָט אַ גוטער מענש רַחֲמָנוּת, — געוועהנליך אַ פֿאַרביי פֿאָהרער — און האַלט אַ רעפֿעראַט איבער יודישע געשיכטע; דאַמאַלס קומען אייניגע נייגיעריגע סטודענטען הערען און מִתְפַּלְפֵּל זיין זיך וועגען „דער יודישער פֿראַגע“ — דאָס איז אַלעס, וואָס דער פֿעראיין גיט זיינע מיטגליעדער. קיינער פֿון זיי זעלבסט קלעהרט אפילו ניט ערנסט צו שטודיערען די יודישע שפּראַכע, די יודישע ליטעראַטור, די יודישע געשיכטע, קיינער האָט פֿאַר אַזאַ מין שטודיום גאָר קיין אינטערעסע ניט, זיי קענען מעהר ניט ווי קלאַפּען זיך אין ברוסט און שרייען און געוואַלדעווען איבער די שענע יודישע קולטור — איך מוז זיך שעמען, אַז איך דערמאָהן זיך אויף אַזוינע אונזערע „פֿערטהיידיגער“ און פֿריינד!...

ווי געזאָגט, דער רוֹב פֿון אונזערע סטודענטען און סטודענטקעס האָט וועניג פֿערטרויען צו דער ציוניסטישער בעוועגונג און האַלט זיך ווייט פֿון איהר. וואָלטען זיי זיין שטאַרקע אויפֿריכטיגע געגנער פֿון „ציוניזם“, וואָלטען זיי בעקעמפֿט אונזער פֿאָלקסבעוועגונג אָפֿען און עהרליך, מיט אַלע זייערע מיטעלן און כּחוֹת, דענסטמאָל וואָלט מען קענען דאַרינען זעהען אַז זיי האָבען דאָך אַ געוויסען אינטערעס פֿאַר זייער פֿאָלק. מיר וואָלטען דעמאַלט געוואוסט אַז אונזער רוסיש־יודישע אינטעליגענטע יוגענד רעכענט, צי גערעכט צי ניט, די ציוניסטישע בעוועגונג ניט פֿאַר די ריכטיגע גְאוּלָה פֿאַר יודען, אַז זי גלויבט ניט אַז זי זאָל קענען אויסגעפֿיהרט ווערען און איהר פֿאַרדריסט אויף די געלד און די מיה, וואָס די בעוועגונג קאָסט אונזער אָרימען פֿאָלק, דענסטמאָל וואָלט מען קענען שטרייטען דעריבער, צי זיי האָבען אַ טָעוּת אָדער ניט, אָבער יעדענפֿאַלס וואָלט מען זעהען, אַז זיי נעהמען אַ בעשטימטע שטעל־

---

געוועזען, ס'קען זיין אַז דאָס רעדעל וואָלט זיך אין גאַנצען איבערגעדרעהט... אַנשטאַט אַ רעמישער קייזער אין ירושלים, וואָלט אפשר געוועזען אַ יודישער קייזער אין רום... נאָר דאָס ביסעל אחדות האָט אייך געפֿעהלט. העלדען זענען ביי אייך גענוג, גוטע קעפּ אויך, געלד זעהר פֿיעל, „בן־כלבא־שבוע“, „בן ציצית־הכסת“, „נקדימון בן גוריון“... גבירים אדירים, מיליאָנערען, דאָס גאַנצע פֿאָלק איז געוועזען ניט אָרים; זאַפּאַסען פֿון אַלערליי עסענוואַרג איז געוועזען אין „ירושלים“ גאַנץ גענוג אויף ווי פֿיעל יאָהר. אַלעס, אַלעס איז ביי אייך געוועזען, לאַנג, לאַנג האָט איהר זיך מיט אונז געקענט ראַנגלען, ביז וואַנען מיר וואָלטען מיעד געוואָרען. נאָר איינס האָט ביי אייך געפֿעהלט; אחדות. אחדות — גאָר ניט. און, האָט ער געזאָגט אין דער שטיל, מיר האָבען געוואוסט דעם סוד. אונזערע שרייבער אין די צייטונגען האָבען אפילו געשריעבען דאָס ביי אייך איז אַ „קהל“ מיט גרויס אחדות, דאָס איהר קויפֿט און פֿאַרקויפֿט אונז צווישען זיך, נאָר דאָס איז אַלעס געוועזען לפנים, אַנצורייצען דעם פּראָסטען עולם אויף אייך, די אינטעלעגענטע „רעמער“, האָבען געוואוסט, דאָס אייער אחדות איז ניט געשטויגען, ניט געפֿלויגען, דאָס איין יוד דעם אַנדערען וואָלט דערטרינקען אין אַ לעפֿעל וואַסער, אויסטראַכטען אויף איהם אַ ממזר בלבול, פֿערטרייבען אין כף הקלע, און ווען איינער וועט זאָגען אַזוי וועט דער אַנדערער בודאי זאָגען פֿאַרקעהרט. און וואָס איהר וועט נאָר פֿערקלערען צו טענה'ן וועלען טאַקי אייערע ברידער אַליין, באַלד אונז איבערגעבען... אויף דערויף האָבען מיר געבויט אונזערע פּלענער, דאָס זענען געוועזען אונזערע שטאַרקסטע כלי זיין, ניט מיר האָבען חרוב געמאַכט ירושלים, ניט אונזערע גבורים, נאָר איהר אַליין, אייערע „שנאת־חינם“...

און מיר האָבען פֿריהער געוואוסט, דאָס אַזוי וועט זיין. מיר האָבען ניט צופיצעלט, צוטהיילט אונזער חיל אום מלחמה צו האַלטען מיט אייך פֿאַר איין מאָל אויף עטליכע פּלעץ, ניין, מיט אונזערע אַלע כחות זענען מיר אָנגעפֿאַלען אויף איינצעלנע ערטער. מיר האָבען געוואוסט, דאָס אַז מען וועט מלחמה האַלטען אויף „טבריה“ וועט מען דערווייל זיצען רוהיג אין „צפורא“, אַז מען וועט בעלאַגערען אויף „צפורא“ וועט זיין רוהיג „יודפת“... אַז מען וועט בעלאַגערען „יודפת“ וועט פֿון „ירושלים“ קיין הילף ניט קומען...

מיר האָבען עס געוואוסט, דען מיר זענען געוועזען דיפּלאָמאַטען, פּאָליטיקער, מיר האָבען געוואוסט מיט וועמען מיר האָבען געהאַט אַ עסק...

און איהר... איך עהר און שעץ אייך; איהר זענט אַ הערליכעס פֿאָלק, אַ פֿאָלק פֿון העלדען, איך טרינק אייער געזונד. און רעדענדיג האָט ער זיך אָנגעגאָסען אַ באַקאַל — נאָר ביי אַלע אייערע מעלות. האָט איהר קיין דיפּלאָמאַטיע ניט פֿערשטאַנען, צו איהר זענט געוועזען צו „עהרליך“ דערצו אָדער אַנדערע סבות זענען דאָ געלעגען, נאָר די מלאכה האָט איהר ניט געקענט, דערפֿאַר האָט איהר אין לעבען גאָר ניט בעוויזען.

אונזער דיפּלאָמאַטיע איז אפילו אויך געוועזען ניט זעהר קיין קונציגע, נאָר זעהר אַ ניצליכע. איבערהויפּט איז זי בעשטאַנען אין דעם כלל: „divide et impera“ דאָס הייסט צוטהייל די מענשען איינער פֿון דעם אַנדערען. און וועלטיג אויף זיי". אַז מיר האָבען געוואָרפֿען אַ אויג אויף אַ פֿאָלק און האָבען עס געוואָלט איינגעמען, האָבען מיר די ערשטע זאַך זיך בעמיהט צו מאַכען מחלוקת אין פֿאָלק, צוקריגען די פֿאָרשטעהער פֿון אַלע פּאַרטיעס איינעם מיט דעם אַנדערען. זיי האָבען זיך צווישען זיך געריסען און געביסען, און מיר האָבען דער ווייל ביידען אַריינגענאַרט אין זאַק. . . דערנאָך האָבען זיי זיך אפשר געחאַפּט, נאָר ווען עס איז שוין געוועזען צו שפּעט. האָט שוין „רום“ וואָס אַריינגענומען אין די הענד, האָט זי שוין דאָס קיינמאָל ניט אַרויסגעלאָזען.

אַזוי איז געוועזען אונזער הויפּטפּאָליטיק אומעטום. נאָר אין ערגיץ איז זי ניט געוועזען אַזוי גרינג און אַזוי געראָטען ווי ביי אייך. ביי אַנדערע פֿעלקער האָבען מיר געדאַרפֿט זוכען מיטלען אום צו בעשאַפֿען „מחלוקת“, ביי אייך אָבער האָבען זיך מחלוקת געוואַלגערט אין אַלע ווינקעליך, אין אַלע גאַסען. כהנים, צדוקים, פּרושים, העלעניסטען, לומדים, עמי הארץ... דאָס זענען אַלע געוועזען פֿייער מיט וואַסער, פּולווער, וועלכעס ס'איז יעדער מינוט געוועזען גרויס אויסצושיסען, איין פֿונק — און אַלעס איז אויס... פֿון דעם ערשטען טאָג אָן וואָס מיר האָבען זיך אָנגעהויבען אַריינמישען אין אייערע געשעפֿטען — און איהר אַליין האָט אונז גערופֿען, אין די מחלוקת פֿון „הורקנס“ מיט „אריסטובולס“, די צוויי

ברידער זאָלסטו שטאַרבען אָדער — לעבען, אַליין, אָהן זיי, וועסטו בלייבען ניט אַהין, ניט אַהער, ווערסטו ניט קענען ניט שטאַרבען און ניט לעבען! דאָס איז געוועזען דער געדאַנק, דער זינען פֿון די לעצטע שטורם־ווינדען אין אונזער געשיכטע — פֿון אונזערע לעצטע יִסוּרִים און ליידען. . .
ה. ד. הורוויץ.

(ענדע קומט).

---

## ציַיטונגס־שטימען.

צווישען די אַרטיקלען, וועלכע האָבען זיך בעשעפֿטיגט אין דער לעצטער צייט מיט ציוניזם, פֿערדיענט דער אַרטיקעל פֿון ה' ה. ד. הורוויץ אין הַצְפִירָה נו' 20—11 „הַצִיוֹנִית עַל פִּי הַשִׁיטָה הַכַּלְכָּלִית" א. ז. וו. אַז מען זאָל זיך אויף איהם עפּיס לענגער אָבשטעלען. און ניט נור דעריבער ווייל ער גיט דעם לעזער אַ סַך ניצליכע און וויכטיגע געדאַנקען, נאָר דערפֿאַר, וואָס ער געהט צו צו די ציוניסטישע פֿראַגען פֿון גאַנץ אַנ'אַנדער זייט, ווי טויזענד אַנדערע שרייבער. אַ סַך מיינען, אַז עס קלעקט נור אויסצומאָלען אַ ליכטיג שענעס בילד פֿון אַ נאַציאָנאַלען לעבען אין לאַנד פֿון אונזערע אָבוֹת — אום צו צוציהען דאָס פֿאָלק צום ציוניסטישען אידעאַל. אַנדערע רעדען פֿון אונזער „קנעכטשאַפֿט אין דער פֿרייהייט", ווייזען אָיין ווי מיר ליידען מאָראַליש פֿון גָלוּת, און האָפֿען דורך דעם צו ווירקען אויף אונזערע אינטעליגענץ, און נאָך אַנדערע, שוין די אֱמֶת'ע פּאָליטיקער פֿון דער ציוניסטישער אידעע, ווילען בִּכְלָל ניט, אַז מען זאָל רעדען, קלערען און טראַכטען, און אַז זיי טרעפֿען אָן אַ מענשען מיט צווייפֿעל אין די אויגען און אַ קנייטש אין זיין שטערען, ווערען זיי שטאַרק אין כַּעַס און בייזערען זיך ווילד. סוֹף־כָּל־סוֹף הענגט ניט אָב דער זיעג פֿון אַ אידעאַל נור פֿון דעם אַליין, וואָס מען רעדט און מען קלערט וועגען איהם. עס זענען פֿערהאַנדען טיעפֿערע קרעפֿטען אין פֿאָלקסלעבען, וואָס שטופען און שטויסען אונז אין אַ געוויסע ריכטונג, און עס פֿרעגט זיך נור, אויב די קרעפֿטען זענען שטאַרק גענוג אונז צו פֿיהרען אַלץ ווייטער און ווייטער, אַלץ נעהנטער און נעהנטער צו אונזער אידעאַלען ציעל.

וועלכע קרעפֿטען זענען דאָס? לויט ה' ה. איז דאָס די עקאָנאָמישע לאַגע, וועלכע צווינגט אונז צו זוכען נייע ציעלען פֿאַר דער צוקונפֿט. די געשיכטע האָט אונז געבראַכט דערצו, דאָס מיר זענען היינט געוואָרען בלויז קאָנקורענטען פֿון פֿעלקער, וועלכע זענען שטאַרקער פֿאַר אונז. דורך דעם צווינגען מיר די פֿעלקער, צווישען וועלכע מיר לעבען, אויסצוקלערען אַלטע און נייע מיטלען, ווי צו דערלייזען זייערע אייגענע פֿאָלקסברידער פֿון אַ פֿרעמדען קאָנקורענט. די אונמעגליכקייט צו לעבען ווי מענשען אונטער אַנדערע פֿעלקער רייסט אונז אָב פֿון די אַלטע ערטער, און מאַכט אונז פֿעהיג מאַסענווייז, הויפֿענווייז צו געהן פֿון אָרט צו אָרט, צו עמיגרירען. נאָר דערפֿאַר, ווייל עס געפֿינען זיך שטענדיג ביי אונז הונדערטער טויזענדער, וועלכע זענען געצוואונגען צו זוכען נייע ערטער מיט נייע הַיוֹנָה'ס, האָבען מיר געקענט אָנהויבען צו חָלוֹם'ן פֿון אַ „מאַסענהאַפֿטער קאָלאָניזאַציע" א. ד. ג. נאָר צו דערזעלבער צייט, ווי די געשיכטע האָט אונז געמאַכט פֿאַר קאָנקורענטען צווישען פֿרעמדע פֿעלקער, האָט זי אויך דורכבראָכען די טויערען פֿון אונזערע גהעטאָ'ס, וואו מיר האָבען געלעבט פֿאַר זיך, ניט קומענדיג אין מַגָע וּמַשָׂא מיט אַנדערע פֿעלקער. מיר זענען אַרויס אויף דער ליכטיגער וועלט. מיר האָבען אָנגעהויבען צו פֿיהלען די וויכטיגקייט און די טייערקייט פֿון טויזענד אַנדערע זאַכען, פֿון וועלכע עס האָט זיך אונזערע פֿאָרעלטערען ניט גע'חָלוֹם'ט. עס האָט זיך אונז פֿערוועלט צו לעבען פֿערנינפֿטיגער, קליגער און שענער. דעריבער קענען מיר שוין ניט עמיגרירען פֿון איין אָרט צום אַנדערען. מיר מוזען זוכען פֿאַר זיך אַזאַ אָרט, וואו מיר זאָלען קענען אויספֿיהרען אונזערע אַלע ווינשע, לעבען סיי עקאָנאָמיש סיי גייסטיג ניט צושפּרייט און ניט צעוואָרפֿען, נאָר ווי אַ אייראָפּעאיש פֿאָלק, וואָס אַרבייט פֿאַר אַ בעסערע צוקונפֿט. די היינטיגע עקאָנאָמישע לאַגע, צוזאַמען מיט דעם, וואָס דאָס יודישע פֿאָלק האָט איינגעזויגען אין זיך פֿיעל פֿון דער היינטיגער אייראָפּעאישער בילדונג, האָט געבראַכט דערצו, דאָס מיר זענען פֿאַמעליך דערגאַנגען צום ציוניסטישען אידעאַל. „די ציוניסטישע בעוועגונג", שרייבט ה' ה. „איז דורך און דורך די בעוועגונג פֿון דעם גרעסטען טהייל פֿון יודישען פֿאָלק, וועלכע האָט זיך ענטוויקעלט צוליב דעם וואָס עס איז צושטערט געוואָרען די מעגליכקייט פֿאַר די יודען עקאָנאָמיש זיך צו דורכשלאָגען צווישען אַנדערע פֿעלקער. דאָס ציעל פֿון דער בעוועגונג איז, צו געפֿינען פֿאַר אונזערע ברידער אַ מאַטעריעלע און אַ גייסטיגע הילף דורך דעם, וואָס מען וועט בעשאַפֿען אַזאַ מִין פֿאָלקסקערפּער, וועלכער זאָל מְסֻגָל זיין צו בעפֿרידיגען אונזערע מאַטעריעלע און גייסטיגע אינטערעסען, און זאָל האָבען אין זיך אַלעס וואָס נייטהיג איז פֿאַר אַ געזונדע און נאַטירליכע ענטוויקלונג פֿון אַ פֿאָלק". עס איז נאָך אַ פֿראַגע אויב עס וועט אונז געלינגען צו בעשאַפֿען אַזאַ „פֿאָלקסקערפּער". „דען" — זאָגט ה' ה. מיט אַ ביטערען געפֿיהל — „ניט פֿון אונזער ווילען אַליין הענגט אָב אונזער הילף". די זעלבינע קרעפֿטען, וועלכע האָבען ביי אונז יודען אויפֿגעוועקט דאָס ציוניסטישע אידעאַל, קענען זיך בעגעגענען מיט וויכטיגע אינטערעסען פֿון אַנדערע פֿעלקער, און אונזערע בעוועגונג קען דערפֿון שטאַרק ליידען. דאָך ווי די מַעֲשֶׂה איז, צי וועלען מיר גיך דערגרייכען אונזער ציעל צי ניט, מיר מוזען זיין ציוניסטען, ווייל די גאַנצע היסטאָריע און דער היינטיגער צושטאַנד, טרייבט אונז דערצו מיט אַלע כֹּחוֹת. עס איז צו קורץ דער אָרט ברייטער איבערצוגעבען אַלעס, וואָס ה' ה. ריהרט אָן אין זיין אַרטיקעל. מיר קענען נור ראַטהען דעם העברעאישען לעזער זיך מיט דעם מַאֲמַר נעהנטער בעקאַנט צו מאַכען. דען ניט אַלע טאָג קריעגט מען צו לייענען אַ מַאֲמַר איבער ציוניזם אין וועלכען די לאָגיק און דער עהרליכער גראַדער שֵׂכֶל זאָל שפּיעלען די הויפּטראָלע.

אַ פּאָר ווערטער ה' ליליענבלום אויף זיין בריעף צו דער רעדאַקציע אין היינטיגען נומער „יוד".

איך האָב אויבען געשריבען: די גאַנצע היסטאָריע און דער היינטיגער צושטאַנד טרייבט אונז מיט אַלע כֹּחוֹת צום ציוניזם. איך האָב דערפֿאַר קיין מוֹרָא ניט פֿאַר דעם וואָס זענען דאָ פֿערשידענע פּאַרטייען אין ציוניזם. דער ציוניזם וועט דערפֿון ניט ליידען וואָס מענשען שטרייטען מיט געדאַנקען און זיעגען דורך געדאַנקען. דער וואָס האָט פֿיינד שמייכלער און צְבוּעַ'קעס, וועט ניט פֿערלאַנגען דאָס זאָל זיין ביי אונז אַחְדוּת און שָׁלוֹם. איך בין איבערצייגט, דאָס ה' ליליענבלום איז דער גרעסטער שׂוֹנֵא פֿון אַ צְבוּעַ'ניק, איך האַלט איהם פֿאַר איינעם פֿון אונזערע עהרליכסטע ליטעראַטען, דערום פֿערדריסט מיך דאָס ער פֿערלאַנגט אַחְדוּת און שָׁלוֹם דענסטמאָל, בְּשַׁעַת דאָס איז אונמעגליך. צאָהלען אַ שֶׁקֶל און קויפֿען אַ אַקציע קענען רַבָּנִים, אַרבייטער און דאָקטוירים צוזאַמען אין שָׁלוֹם און אין אַחְדוּת. ווי באַלד אָבער עס הויבט זיך אָן די נאַציאָנאַלע אַרבייט — געהט איטליכער זיין וועג, אפילו צו דעם אייגענעם ציעל. און עס קען ניט זיין אַנדערש. און עס איז נאָך מיין מיינונג גוט אַזוי. דען דאַדורך קומט אַרויס דאָס ניט נור איין טהייל פֿון פֿאָלק בעטהעטיגט זיך אין לעבען פֿון נאַציאָן נאָר אַלע טהיילען.
א. ע.

---

## פּאָליטישע איבערזיכט.

די מִלְחָמָה אין אַפֿריקאַ האָט מיט אַ מאָל גענומען אַ גאַנץ אַנדערע ריכטונג. דער פֿעלדמאַרשאַל ראָבערטס האָט כִּמְעַט גאָר אָהן קריעג בעפֿרייט די שטאָדט קימבערליי, וואָס איז פֿיער חֳדָשִׁים געוועזען בעלאַגערט פֿון די בויערען. אין קימבערליי איז שוין געוועזען זעהר וועניג פּראָוויאַנט, מען האָט געגעסען פֿערדענפֿלייש, וועלכעס מען האָט פֿערטהיילט אין קליינע פּאָרציעס אויפֿ'ן מאַרק. די שטאָדט האָט זיך שוין געהאַלטען ביים אונטערגעבען, און דאָ איז זי מיט אַ מאָל אַזוי גיך בעפֿרייט געוואָרען. פֿאַר וואָס די בויערען האָבען אָבגעצויגען און איבערגעלאָזען די שטאָדט די ענגלענדער, ווייסט מען נאָך דערווייל ניט גאַנץ גענוי. בעפֿרייענדיג קימבערליי זענען די ענגלענדער געגאַנגען ווייטער און אַריין אין דעם פֿיינדס לאַנד אין די אָראַנישע רעפּובליק, וועלכע קעמפֿט צוזאַמען מיט טראַנסוואַל געגען ענגלאַנד. ראָבערטס האָט איינגענומען די בויערשע שטאָדט יאַקאָבסדאַל אויך כִּמְעַט אָהן קריעג און איצט געהט ער ווייטער

קיין בלעמפאַנטיין, די הויפּטשטאָדט פֿון אָראַניען. דער בויערשער גענעראַל קראָניע טרעט אָב צוריק. ווייל זיין חַיִל איז צו קליין ער זאָל זיך קענען שטעלען אין אָפֿענעם פעלד געגען ראָבערטסען, און וואַרט אויף הילף פֿון בולער'ן, אום צו פֿערטהיידיגען דעם וועג קיין בלעמפאַנטיין.

די פֿערענדערונג איז איינגעטרעטען אַזוי אונערוואַרטעט אַז מען וויל נאָך אַלײן ניט גלויבען, אַז די בויערען, וואָס האָבען ביז איצט מיט אַזוי פֿיעל גליק געקעמפּפֿט געגען די ענגלענדער, האָבען איצט מיט איין מאָל אַזוי פֿיעל פֿערלאָרען און גאָר אָהן קריעג. אין די ערשטע טעג האָט מען גערעכענט, אַז דאָ ליגט עפּיס אַ קונץ פֿון די בויערען און מען האָט געוואַרט עפּיס אויף אַ וואונדערליכע גְבוּרָה פֿון זיי און אויף אַ גרויסע מַפָּלָה פֿון די ענגלענדער. עס געהט אָבער אַוועק איין טאָג נאָך דעם אַנדערען און עס ווערט אַלײן דייטליכער אַז קראָניע האָט זיך ניט געקענט שטעלען געגען אַ פֿיעל שטאַרקערען חַיִל.

ראָבערטס נִצָּחוֹן נעמט מיט איין מאָל צו פֿון די בויערען אַלסדינג וואָס זיי האָבען ביז איצט דערגרייכט. אין אַלע פּונקטען מוזען די בויערען פֿערקלענערען זייער חַיִל און שיקען הילף קראָניע'ן. דער טראַנסוואַלער גענעראַל זשובערט האָט געמוזט אָבשיקען אַ טהייל פֿון זיין אַרמעע קיין אָראַניען, און די בויערען וואָס האָבען שוין ביז איצט געקעמפּפֿט מיט דעם שטאַרקערען חיל פֿון בולער'ן ווערען דורכדעם אַזוי אָבגעשוואַכט, אַז זיי וועלען אפשר מוזען אָבטרעטען זייער לאַגער ביי טוגעלאַ און איבערלאָזען לעדיסמיט מיט די ענגלענדער. אויך די בויערן וואָס זענען געשטאַנען אין קאַפּלאַנד און אַלס זיעגער געקעמפּפֿט געגען די ענגלענדער מוזען זיך אויך איצט אָבזאָגען פֿון זייער פּלאַן איינצונעהמען די וועגען און אייזענבאַהנען, וועלכע פֿעראייניגען ראָבערטס'ן מיט קאַפּלאַנד. די מִלְחָמָה ווערט איצט אין גאַנצען אומגעביטען, ביז איצט האָבען די טראַנסוואַלער צוזאַמען מיט די אָראַניער מִלְחָמָה געהאַלטען אויף ענגלישער ערד, אין נאַטאַל און אין קאַפּלאַנד, איצט אָבער וועלען זיי מוזען זייער גאַנצען חַיִל אָבפֿיהרען צוריק און זיך בעגניגען בלויז מיט דער פֿערטהיידיגונג פֿון זייער אייגענעם לאַנד, פֿון זייערע אייגענע שטעדט און דערפֿער. אין ענגלאַנד איז שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה, און דער פּאַרלאַמענט האָט בעשטעטיגט נייע דרייצעהן מיליאָן פונד שטערלינג אויף דער מִלְחָמָה.

אין פֿראַנצויזישען פּאַרלאַמענט זענען פֿאָרגעלעגט פֿערשידענע פּראָיעקטען צו פֿערגרעסערען דעם פֿלאָט און פֿעסטונגען. די וִכּוּחִים וועגען דעם זענען געווען זעהר אינטערעסאַנט. איינער פֿון די בעסטע פֿראַנצויזישע דעפּוטאַטען, פּעלעטאַן, האָט בענוצט די געלעגענהייט צו קריטיקירען דערביי די פֿראַנצויזישע אַרמעע. פּעלעטאַן האָט אויפֿגעוויזען און אויפֿגעדעקט פֿיעל פֿעהלער אין דעם מַצָּב פֿון פֿראַנצויזישען חַיִל. די פֿראַנצויזען, האָט ער געזאָגט, קומען אָן אין מיליטער זעהר ניט ווילענדיג. מען זוכט אַלע מיטלען זיך צו בעפֿרייען פֿון דיענסט. און אָנקומענדיג אין סאָלדאַטען סטאַרעט מען זיך ווידער דורך פּראָטעקציע און מיט געלד זיך צו ערלייכטערען דאָס לעבען אין קאַזאַרמע, זיך צו בעפֿרייען פֿון צו שטעהן אונטער'ן ביקס; דערפֿאַר איז אין ערגיין ניט דאָ אַזוי פֿיעל סאָלדאַטען אין די קאַנצעלאַריעס, אין ערגיין איז ניט דאָ אַזוי פֿיעל סאָלדאַטען, וואָס זענען פֿערשריבען אַלס פֿערשידענע בַּעֲלֵי־מְלָאכוֹת ווי אין פֿראַנקרייך. אין יעדער פּולק איז דאָ מאַסען סאָלדאַטען, סטאָליאַרעס, קוטשאָרעס, שערערס און גאָלערס, וועלכער קיינער דאַרף זיי ניט און וועלכע ווערען בעפֿרייט פֿון דיענסט. אין קיין אַרמעע אין דער וועלט איז ניט דאָ אַזוי פֿיעל אָפֿיצירען און גענעראַלען ווי אין פֿראַנקרייך. די אָפֿיצירען שטעהן פֿיעל נידריגער אין זייערע קענטניסען ווי די דייטשע אָפֿיצירען; די בוהאַלטעריע אין די פּולקען איז אין גרעסטער אונאָרדנונג, מען נעהמט געלד און מען פֿערשרייבט ניט, פֿיעל געלד ווערט צו'גַנֵב'ט.

פּעלעטאָנס רעדע האָט אַרויסגערופֿען אַ גרויסע בעוועגונג אין פּאַרלאַמענט. אין פֿראַנקרייך האָט מען איבערהויפּט פֿיינד צו הערען קריטיק און דער הויפּט קענען די פֿראַנצויזען ניט אַריבערטראַגען, ווען מען קריטיקירט די אַרמעע. זינט די פֿראַנצויזען האָבען מיט דרייסיג יאָהר צוריק פֿערלאָרען עלזאַס און לאָטרינגען, איז די אַרמעע געוואָרען דאָס טייערסטע פֿאַר'ן גאַנצען פֿאָלק. די אַרמעע איז געוואָרען הייליג, מיט איהר זענען פֿערבונדען די טייערסטע האָפֿנונגען פֿון יעדען פֿראַנצויז! אויף די אַרמעע האָט דער פּאַרלאַמענט קיין מאָל קיין געלד ניט געזשאַלעוועט און יעדער מיניסטער וואָס פֿלעגט נור קומען מיט אַ פּראָיעקט זי צו פֿערגרעסערען, פֿלעגט בעגעגענען בעגייסטערונג פֿון אַלע זייטען.

און דערפֿאַר איז איצט ווען פּעלעטאַן האָט קריטיקירט די אַרמעע, ענטשטאַנען אַזאַ לאַרעם און קאָכעניש ווי אין די צייטען פֿון דרייפֿוס'ס מִשְׁפָּט. דער קריגסמיניסטער איז אַרויסגעטרעטען מיט אַ שאַרפֿען פּראָטעסט געגען פּעלעטאָן'ן; מיט זיין רעדע האָט ער אָבער וועניג בערוהיגט די דעפּוטאַטען, וועלכע פֿאָדערען אַ ריכטיגע קריטיק, אום גענוי צו וויסען די לאַגע, כְּדֵי צו קענען פֿערבעסערען די שלעכטע זייטען. אין די וִכּוּחִים האָט זיך אַריינגעמישט דערנאָך דער פּרעזעס פֿון מיניסטעריום, וואַלדעק־רוסאָ, וואָס האָט געזאָגט אַז אין אֱמֶת'ן זענען דאָ טאַקי אויך שוואַכע זייטען אין דער פֿראַנצויזישער אַרמעע, אַז עס טרעפֿען זיך אַ מאָל אויך שלעכטע אָפֿיצירען, אָבער אים אַלגעמיינעם שטעהט די פֿראַנצויזישע אַרמעע הויך, זי איז פול פֿון ליעבע צום פֿאַטערלאַנד, און די פּאָר ווערטער זענען געווען גענוג, אַז פֿון אַלע זייטען זאָל מען אַפּלאָדירען און שרייען בראַוואָ. און בְּעֵת מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט דער קריגסמיניסטער אין פּאַרלאַמענט מוֹדִיעַ געווען, אַז איצט ווערען געמאַכט פֿערענדערונגען אין דער אַרטילעריע, וועלכע וועט איבער אַ האַלב יאָהר אַרום ווערען די בעסטע אין אייראָפּאַ, איז געווען אין פּאַרלאַמענט אַ יוֹם־טוֹב, אַלע דעפּוטאַטען צוזאַמען מיט די סאָציאַליסטען האָבען געשריגען בראַוואָ פֿון הִתְלַהֲבוּת און פֿרייד.

אין עסטרייך האָט זיך שוין געעפֿענט דער פּאַרלאַמענט. דער מיניסטער קערבער האָט אין זיין רעדע געזאָגט אַז דאָס מיניסטעריום וועט זיין גאַנץ אונפּאַרטייאיש געגען אַלע נאַציאָנאַלע פֿאָדערונגען, ער האָט גערעדט וועגען שָׁלוֹם צווישען די עסטרייכישע נאַציאָנען אַז דערווייל זאָל מען אָבלייגען אַלע נאַציאָנאַלע פֿראַגען און זיך בעשעפֿטיגען מיט די וויכטיגע קולטורעלע אוןווירטשאַפֿטליכע פֿראַגען, וועלכע קענען מעהר ניט אָבגעלאָזט ווערען. די טשעכען האַלטען זיך דערווייל רוהיג, מען ווייס אָבער ניט אויב עס וועט אַזוי אויך ווייטער געהן. די קאָמיסיאָן, וועלכע בעשעפֿטיגט זיך מיט די נאַציאָנאַלע פֿראַגען, איז נאָך דערווייל ניט געקומען צו אַ פְּשָׁרָה, און מען האָט מוֹרָא, אַז די טשעכען זאָלען ווייטער ניט אָנהויבען שטערען. די אַנדערע סלאַווישע פּאַרטייען האָבען מוֹדִיעַ געווען, אַז זיי וועלען שטיצען אַלע פֿאָדערונגען פֿון די טשעכען, נאָר זיי וועלען ניט זיין מיט די טשעכען צוזאַמען, ווען זיי וועלען אָנהויבען שטערען. די סלאַווען ווילען, אַז עס זאָל צוריק אריינטרעטען די פּאַרלאַמענטאַרישע אָרדנונג.

י. ל.

---

# בריעף פֿון ארץ־ישראל.

ווען אונזערע ברידער־ציוניסטען זאָלען לעבען אַ פּאָר יאָהר בי אונז אין לאַנד, אין אונזערע שטעדט, אונזערע קאָלאָניעס, וואָלטען זיי, גלויב איך, מיט דער קולטור־פֿראַגע זיך מעהר פֿעראינטערעסירט ווי איצט.

אַזוי ווי אונזערע ברידער שפּיערען ווי נייטהיג עס איז וואָס מעהר ליכט ביי זיי דאָרט, אין אייראָפּאַ, אַזוי שפּיערען מיר נאָך מעהר ווי אונבעדינגט נייטהיג עס איז דאָ פֿאַר אונז, אין דעם לאַנד, אויף וועלכען עס האָפֿען אַזוי פֿיעל פֿון אונזער אומגליקליכען פֿאָלק. דאָ, וואו עס ווערען געלעגט די ערשטע שטיינער פֿאַר אונזער פֿאָלקס געביידע, פֿאַר תְּחִיַּת אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, מוזען מיר נאָך מעהר זאָרגען, דאָס דער יְסוֹד זאָל שטאַרק זיין ניט נור קערפּערליך, נאָר אויך אין גייסט.

דערצו איז אונזער ערשטער חוב צו ערציעהן טרייע, געבילדעטע פֿאָלקסקעמפּפֿער, וועלכע זאָלען ליעבען זייער פֿאָלק און פֿערשטעהן וואָס איהם פֿעהלט, אום זיין עקזיסטענץ צו פֿערזיכערן און שיצען!...

וואָס טהוען ניט צו ליעב דעם אַלע נאַציאָנען? פֿון יונג אָן הויבט מען שוין אָן ביי זיי איינצוואָרצלען ליעבע צו זייערע העלדען, זייער געשיכטע, ליטעראַטור און שפּראַך! אין דער געשיכטע, ערצעהלונגען, און ליעדער שילדערט מען די פֿערגאַנגענהייט און די אויפֿגאַבען פֿאַר

דער צוקונפֿט. עס איז שוין באַלד דרייסיג יאָהר פֿאַריבער ווי פֿראַנקרייך האָט פֿערלאָרען עלזאַס און נאָך ביז היינט איז ניטאָ קיין קינדער ערצעהלונג, קיין שול־ביכעל וואו עס זאָל ניט דערמאַנט ווערען די געשיכטע פֿון עלזאַס און ווי נייטהיג עס איז דאָס יעדער פֿראַנצויז זאָל טראַכטען און האָפֿען עס צוריק צו בעקומען! און אַזוי איז ביי אַלע אַנדערע פֿעלקער. אומעטום אַרבעט מען פֿאַר דער שפּראַך, פֿאַר דער ליטעראַטור, אויף וועלכער מען זאָל ערציעהן די יוגענד, דאָס פֿאָלק.

וואָס זעהען מיר ביי אונז? אין גלות ביי די שרעקליכע פֿערפֿאָלגונגען און ליידען בלייבען מיר נאָך אַלץ דאָ דייטשען, דאָרט פֿראַנצויזען, טשעכען, אונגאַרען אַלעס נאָר ניט יודען, פֿאַר וועלכע מיר ווילען זיך גאָר ניט אַנערקענען! יאָ, דאָס זענען די טרויריגע רעזולטאַטען פֿון דעם שרעקליכען גלות — דאָס איינער זאָל דעם צווייטען ניט פֿערשטעהען!...

אָבער דאָ אין ארץ ישראל, וואוהין מיר זענען אַלע מיט איין גייסט, מיט דערזעלבער אויפגאַבע געקומען — אויפֿלעבען אונזער לאַנד, אונזער פֿאָלק, ערציעהן אין איהם אַלעס, וואָס איין פֿאָלק ברויכט צו האָבען, וואָס האָבען מיר דאָ פֿאַר דעם געטהון? וואָס שטערט אונז דאָ, דאָס מיר זאָלען ערציעהן אונזער יונגען דור מיט איין גייסט, מיט איין אידעאַל? מיר זענען דאָ פֿאָלקאָמען פֿריי צו געבען די ערציהונג, וועלכע מיר ברויכען, לויט ווי מיר פֿערשטעהן! ליידער די פֿרייע מעגליכקייט צו טהון וואָס מיר ווילען הרג'עט אונז אַוועק: — יעדער טהוט וואָס ער וויל און קיינער האָט נאָך ביז היינט ניט געטהון איין ערנסטען שריט דאָס די ערציהונג, אונזער וויכטיגסטע אויפֿגאַבע זאָל אַוועקגעשטעלט ווערען אויף דעם ריכטיגען יסוד. אַזוי איז אין אונזערע שטעדט, אַזוי איז ליידער אויך אין אונזערע קאָלאָניעס.

מיר האָבען אין אונזערע שטעדט שולען, וועלכע קאָסטען אָב אונזערע ברידער (דען זיי ווערען אין גרעסטען טהייל געשטיצט אָדער אויסגעהאַלטען פֿון פֿערשידענע חברות ווי כל ישראל חברים, דייטשע פֿעראיינען, חובבי ציון א. ז. וו.) פֿיעל טויזענדער פֿראַנקען יעהרליך און וואו עס ווערען טויזענדער קינדער ערצויגען, אָבער אויך ווייטער ווי אין דעם דור הפלגה — איינער זאָל דעם צווייטען ניט פֿערשטעהן, איינער פֿון דעם צווייטען ניט וויסען! אין ירושלים, צום ביישפּיעל, עקזיסטירען דריי הויפּט שולען און עס איז רעכט דאָס קינדער פֿון פֿערשיעדענע שולען זאָלען זיך ניט קענען צוזאַמענרעדען!... עס איז פֿאַראַן איין מעדכען שולע, אונטער דעם נאָמען עוועלינאַ ראָטשילד'ס שולע, וואו עס לערנען מעהר ווי 400 מיידליך און די הויפּטשפּראַך איז ענגליש! אָרימע יודישע קינדער אין ארץ ישראל מוזען נור ענגליש קענען, ענגליש רעדען! העברעאיש איז אין דער שולע נור אַ נעבענזאַך. עס איז דאָ ווייטער די בעקאַנטע לעמעל־שולע, וועלכע ווערט געשטיצט פֿון דייטשע יודען, דאָרט ווערט דערהויפּט געלערנט דייטש! עס איז דאָ ווייטער די אַליאַנס שולע, וואו עס וועלען אין גיכען לערנען ביז טויזענד קינדער, ווען עס וועלען זיך צו פּסח עפֿענען די נייע געביידען, און דאָ האָבען מיר שוין צו טהון מיט פֿראַנצויזען! דערזעלבער גייסט איז אויך אין די אַנדערע שולען פֿון אַליאַנס.

פֿרעגט זיך איצט וואָס זענען מיר? ווי קענען מיר אַלע, אַלס איין פֿאָלק זאָרגען פֿאַר דער צוקונפֿט, ווען זאָגאַר דאָ אין ארץ ישראל, וואו די רעגירונג שטערט אונז ניט צו לערנען וואָס מיר ווילען און ווי אַזוי מיר ווילען, ערציעהן מיר אויך דאָ ענגלישע טעכטער, און פֿראַנצויזישע, דייטשע זיהן? איך רייד שוין ניט פֿון די ספרד'שע חדרים, פּוילישע ישיבות, תימנ'ר מדרס, וואו עס הערשען איספּאַניאָלישע, פּוילישע און אַראַבישע שפּראַכען...

ניט בעסער שטעהט די ערציהונגספֿראַגע אין אונזערע קאָלאָניעס. אין די זעלבסטשטענדיגע קאָלאָניעס, וואו ביז די לעצטע יאָהרען האָבען עקזיסטירט זעהר גוטע שולען מיט בעקאַנטע פֿון רוסלאַנד צוגעשיקטע לעהרער, איז איצט רעכט דאָס צום ביישפּיל אין גדרה, רחבות, וואו עס זענען דו נור צו 40—30 קינדער, זאָלען איצט אין אַ זייט ביי די שולען זיצען מלמדים אין חדרים. מען קוועלט, מען האָט אויסגעפֿיהרט, ניטאָ מעהר קיין שולען! עס לעבט ווידער דער אַלטער חדר, מיט דעם אַלטען „זשאַרגאָנישע יונגעלע! אַלף נאָך אַ מאָל: אַלף! און דאָס? ווייטער! נאָך אַ מאָל!"

אין דעם באַראָנ'ס קאָלאָניעס, וועלכע האָבען אויפֿגעהערט צו בעקומען שטיצע, און וואו די קהל'שע הוצאות זענען אויף דעם חשבון פֿון די קאָלאָניסטען קען מען גאָר אין גאַנצען צוטומעלט ווערען. ביז איצט, ווי פֿיעל פֿעהלערן עס זענען ניט געווען אין די שולען, האָבען זיי דאָך איין געוויסעם פּראָגראַם געהאַט, געוויסע אָרדנונגען, דיסציפּלין, איצט, עס איז נאָך קיין יאָהר ניט פֿאַראיבער, און עס איז רעכט דאָס עס זאָל גאָר קיין שולע זיין, ווי עס דיינקען צום ביישפּיעל די קאָלאָניסטען אין פּתח תקוה. „וואָס מיר שולע, וואָס מיר פּראָגראַם?" — האָבען מיר איינינע געזאָגט — „די שולע וועט מען צו מאַכען און ווער עס וועט וועלען זיינע קינדער געבען לערנען וועט זיך נעמען איין מלמד!" — אפילו אין דער קאָלאָניע ראשון לציון, וועלכע רעכענט זיך פֿאַר די אינטעליגענטעסטע, האָבען שוין אויך אַ פּאָר עלטערן גענומען איין רבי'ן פֿון ירושלים. און ווער ווייס אויב די שולע וועט לאַנג אויסהאַלטען און אפשר וועט מען זיין געצוואונגען, אַנשטאַט זי צו פֿערבעסערן, ווי איינינע דיינקען, זי גאָר אין גאַנצען צומאַכען...

די פֿרייהייט, וועלכע אין אַנדערע לענדער נוצט מען אויס נור צום גוטען, בענוצט מען דאָ, אין ארץ ישראל, ליידער, צום שלעכטען, אום צו שטערען און צו ברעכען.

טרויעריג, שרעקליך טרויעריג שטעלט זיך פֿאַר דער גייסטליכער צושטאַנד פֿון אונזער גאַנצער אַרבייט אין ארץ ישראל, ווען די ערציהונג פֿון דעם יונגען דור וועט בלייבען אַזוי ווי איצט.

אַ נייער אַראַביזירטער דור וועט אויפֿקומען, וועלכער וועט שטאָלצירען מיט אַראַבישער שפּראַך! אַ דור, וועלכער וועט רעדען אַראַביש, פֿראַנצויזיש, איספּאַניאָליש, זשאַרגאָן — נאָר ניט העברעאיש! אַ דור פֿון ווילדע פֿאַנאַטיקער און פֿון אַזוינע וועלכע האָבען קיין בעגריף אין וואָס דאָס יודענטהום בעשטעהט!...

דעם טרויעריגען צושטאַנד צו פֿערבעסערן מוז זיין איינע פֿון די ערשטע זאָרג ביי אונזערע ציוניסטען און הובבי ציון, וועלכע דענקען ערנסט איבער אונזער הייליגער אַרבייט. די פֿראַגע — איבער דער ריכטיגע ערציהונג אין ארץ ישראל, וועלכע קען ענטשיידען ווערען לויט אונזער וואונש (דען ווי איך האָב געזאָגט זענען מיר אין דער הינזיכט פֿאָלקאָמען פֿריי אַוועק צו שטעלען אונזערע שולען ווי מיר ווילען) טאָר ניט אויף לאַנג אָבגעלעגט ווערען. אונזער הייליגער חוב איז, אַזוי ווי מיר זאָרגען פֿאַר דעם ישוב, צו גרינדען קאָלאָניעס און פֿאַר די קאָלאָניסטען אַז זיי זאָלען האָבען ברויט, אַזוי מוזען מיר זעהן, דאָס זייערע קינדער זאָלען אויך בעקומען אַ ריכטיגע ערציהונג. מיר מוזען אין פֿערלויף פֿון איינינע דורות נאָך פֿיעל אַרבייטען צו שטאַרקען דעם גייסט, פֿאַר וועלכען עס קעמפֿפֿען איצט די בעסטע פֿון אונזער פֿאָלק, ביז אין פֿערלויף פֿון איינינע דורות וועלען די נאַציאָנאַלע געפֿיהלען שוין ווערען נאַטירליך און געזונד, ווי ביי אַלע אַנדערע פֿעלקער.

צו פֿערבעסערן די לאַגע פֿון אונזערע שולען זענען, נאָך מיין מיינונג נייטהיג פֿאָלגענדע מיטלען:

1) אַלע שולען, וועלכע מיר האָבען אין ארץ ישראל, אַוועקשטעלען אַזוי, דאָס זיי זאָלען פֿריעהר פֿון אַלעס זיין יודישע נאַציאָנאַלע שולען; די העברעאישע שפּראַך, געשיכטע און ליטעראַטור זאָלען שטעהן אויף דעם ערשטען פּלאַן און דאַן ערשט אַנדערע שפּראַכען און וויסענשאַפֿטען.

2) אַלע קרעפֿטען אַנווענדען צו ווירקען אויף די פֿערשיעדענע חברות וועלכע האַלטען דאָ אויס שולען, ווי פֿראַנצעזישע, ענגלישע, דייטשע און אַנדערע, דאָס זיי זאָלען צוזאַמען אויסאַרבייטען איין אַלגעמיינעם פּראָגראַם און זיי זאָלען אַנערקענען אין די שולען העברעאיש אַלס הויפּט געגענשטאַנד אַזוי ווי אַלע אַנדערע פֿעלקער אַנערקענען זייערע שפּראַכען.

3) דער יפו'ער בית־הספר, די ערשטע שולע, וועלכע וואָלט ווירקליך געקענט זיין די איינציגע נאַציאָנאַלשולע, מוז איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל בעקומען אַ ריכטיגען און קלאָרען צוועק, דאָס פּראָגראַם פֿון דער שולע

מוז פֿערגרעסערט ווערען און זי מוז איינגעריכטעט ווערען אַלס העברעאישעס לעהרער־סעמינאַר, וואו עס זאָלען זיך אויסבילדען טיכטיגע לעהרער פֿאַר אונזערע שולען ניט נור און ארץ ישראל נאָר אויך פֿיר אויסלאַנד.

4) ווען מיר ווילען אז די שולען זאָלען עקזיסטירען און האָבען אַ ווירקונג, מוזען זיי אָרגאַניזירט זיין פֿון אַ בעזאָנדערער געזעלשאַפֿט, ווי צום ביישפּיל פֿון חובבי ציון, וועלכע דאַרפֿען אין יעדער קאָלאָניע עפֿענען און אויסהאַלטען אַ שולע; אויך די קאָלאָניסטען דאַרפֿען געבען אַ טהייל פֿון זייער הַכְנָסָה אויף אויסצוהאַלטען די שולען.

5) דיא שול־לעהרער מוזען זיך ניט נור בעגניגענען מיט זייער אַרבייט מיט די שול־קינדער; זיי מוזען אויך ווירקען אויף די קינדער, וועלכע האָבען שוין די שולע געענדיגט און אויך אויף די יונגערע קאָלאָניסטען דורך איינפֿיהרונג פֿון קליינע ביבליאָטעקען, פֿאָרלעזונגען אַם אַבענדס אָדער שַׁבָּת א. ד. ג.

6) מען דאַרף אַרויסגעבען העברעאישע שול־ביכער, קינדער ערצעהלונגען און פֿאָלקס־ערצעהלונגען.

דאָס זענען אים אַלגעמיינעם די מיטלען, דורך וועלכע מיר וואָלטען געקענט פֿערבעסערן דעם שלעכטען צושטאַנד פֿון אונזערע שולען. מיט דער שולפֿראַגע אין ארץ ישראל מוזען מיר זיך ערנסט בעשעפֿטיגען, ווען מיר ווילען דאָס אונזער גאַנצע ארבייט פֿאַר די אויפֿלעבונג פֿון אונזער לאַנד — זאָל האָבען אַ פֿעסטען קִיוּם. ווען מיר ערציהען ערנסטע, גוטע, טרייע בְּנֵי ציון, וועלען מיר דאַן אונזער אַלטען ציון זיכער צוריק אויפֿלעבען און אָהן דיעזעס האָבען מיר ניט אויף וואָס צו האָפֿען!

דער אַלטער ציוניסט.

# יוּדִישֶׁע שְׁטֶעדְט און שְׁטֶעדְטלִיך.

יעדע זאַך האָט זיך זיין מַזָל, אפילו שטעדטליך. עס איז דאָ אַזוינע פֿון וועלכע מען הערט ניט און מען ווייסט ניט צי זיי געפֿינען זיך גאָר אויף דער וועלט, ווער שמועסט נאָך מען זאָל לעזען אַ מאָל וועגען זיי אין די ציטונגען. האָט ווער פֿון אייך געהערט פֿון די צוויי שטעדטליך פּיאָנטעק און סובאָטע? און שטעלט אייך פֿאָר אַז אַזוינע צוויי שטעדטליך געפֿינען זיך אין קאַלישער גוב. — צוויי יודישע שטעדטליך ווי עס דאַרף צו זיין, מיט רַבָּנִים, שׁוֹחֲטִים, בָּתֵּי־מִדְרָשִׁים, מַחֲלוֹקֶת, צְדָדִים און מיט אַ באָד.

דערוואוסט האָבען מיר זיך וועגען פּיאָנטעק און סובאָטע איבער אַ בעזונדער צופֿאַל. אין די צוויי שטעדטליך וועלכע זענען ניט ווייט איינע פֿון דער אַנדערע, האָבען די דאָרטיגע דוהאָוונע רַבָּנִים ניט געקענט אויסהאַלטען קיין עקזאַמען, זיי זאָלען אויך מעגען זיין קאַזיאָנע רבינער. ווי עס איז איינגעפֿיהרט אין רוסיש־פּולין, האָט מען אַהין אָראָבגעשיקט אַ קאַזיאָנע רָב, אַ ליטוואַק מיט אַ קאַפּעלוש און מיט אַ פּאָר גומענע קאַלאָשען, און דעם דאָזיגען ליטוואַק האָבען די דאָרטיגע יודען אַזוי שען אויפֿגענומען אַז ער איז קוים אַ לעבעדיגער געקומען קיין וואַרשא מיט אַ צובראָכענעם קאַפּעלוש און מיט צוריסענע קאַלאָשען. "אַ מִצְוָה אויף איהם, זאָל ער ניט קומען אַהין וואו מען בעט איהם ניט". אונז וואונדערט נור איין זאַך ווי אַזוי האָט ער געפֿונען די צוויי שטעדטליך? דאָס קען נור אַ ליטוואַק. אַלענפֿאַלס דאָס וואָס מיר האָבען זיך דערוואוסט אַז עס געפֿינען זיך אויף דער וועלט צוויי יודישע שטעדטליך פּיאָנטעק און סובאָטע, האָבען מיר צו פֿערדאַנקען נור דעם ליטוואַק.

דערפֿאַר אָבער האָט קיין עַיִן־הָרָע גרויס מַזָל דאָס שטעדטיל זוואַניץ (פּאָד. גוב.). ווער האָט ניט געהערט וועגען דעם שטעדטיל, אַלע אונזערע ציטונגען זענען פֿול מיט קאָרעספּאָנדענציעס פֿון זוואַניץ, און נאָך מעהר געפֿינען זיך קאָרעספּאָנדענציעס פֿון דעם שטעדטיל אין די רעדאַקציאָנע קוישען... אין גאַנצען געפֿינט זיך דאָרט זיבען הונדערט איינוואָהנער, נאָר זיי פֿילדערען און רַעַשׁ'ן פֿאַר זיבען הונדערט טויזענד. אָט האָבען מיר ווידער בעקומען אַלאַנגע קאָרעספּאָנדענץ פֿון זוואַניץ אונטער וועלכער עס זענען אונטערגעשריבען צעהן בַּעֲלֵי־בָּתִּים און בעטען רַחֲמִים דרוקען אין "יוד". פֿון אָנהויב ביז אין סוֹף זענען נור בעשריבען די שרעקליכע מַחֲלוֹקֶת'ן וואָס הערשען צווישען די זיבען הונדערט איינוואָהנער איבער די עטליכע ציוניסטישע חֲבֵרוֹת. מיר ברענגען דאָ דאָס וויכטיגסטע.

"לְמָשָׁל (פֿאַקט), שרייבען די צעהן בַּעֲלֵי־בָּתִּים, ביי אונז געפֿינען זיך דריי ציוניסטישע חֲבֵרוֹת. ה' ל. האָט זיך אויסגעדריקט אַז עס געפֿעלט איהם ניט דער "יוֹשֵׁב־ראֹש" פֿון איין ציוניסטישער חֶבְרָה, וועלכע פֿיהרט זיך ניט אין אָרדנונג. אַ דאַנק אַ געוויסען הערן א. דערפֿאַר האָט מען ביי ה' ל. אויסגעשלאָגען בייגאַכט די פֿענסטער אין זיין וואָהנונג אַזוי, אַז פֿאַר גרויס שרעק זענען די הויזמענשען שיער ניט אומגעקומען. נו אין וואָס פֿאַר אַ פָּנִים וואָלטען זוואַניצער ציוניסטען געהאַט, ווען זיי זאָלען עטליכע מאָל ניט שטעהן אין מיראַוואַי סוד, פֿאַר שלאָגען, פּאַטשען און לאַרמען אין גאַס?"

אַלעס איז אַ מַזָל. פֿון איין שטעדטיל הערט מען ווינציג און פֿון דעם צווייטען צופֿיעל.

אין בערדיטשעוו רעכענט זיך ביז הונדערט טויזענד איינוואָהנער און עס איז דאָרט שטיל ווי אויף אַ בֵּית־עַלְמִין. מען קריגט זיך ניט, מען לאַכט ניט און מען וויינט ניט און עס ריהרט זיי בִּכְלָל ניט אָן קיין שום זאַך אין דער וועלט ווי גלייך בערדיטשעווער יודען לעבען אָהן הערצער.

דער דאָרטיגער ראַבינער ה' פּעסים און ד"ר שפּערלינג האָבען בעקומען בריעף פֿון דעם אָדעסער קאָמיטעט צו העלפֿען די הונגריגע יודען אין בעסאַראַביע. דער ראַבינער האָט באַלד געמאַכט אַ צעטעל פֿון 60 בַּעֲלֵי־בָּתִּים און זיי גערופֿען אויף איין אֲסֵפָה צו ה' דוד האַסקעלעס, אָבער פֿון די 60 גערופֿענע זענען געקומען נור 12... די 12 האָבען געמאַכט אַ נייעם צעטעל, אַז מען זאָל צוזאַמענרופֿען אין תַּלְמוּד־תּוֹרָה אַ נייע אֲסֵפָה פֿון 150 בַּעֲלֵי־בָּתִּים, און אויף דער צווייטער אֲסֵפָה זענען געקומען 20...

ה' שלמה לאַנדסבער שרייבט אונז, אַז די 20 האָבען בעשלאָסען אַז מען זאָל מאַכען אַ צעטעל פֿון 200 בַּעֲלֵי־בָּתִּים און זיי רופֿען אויף אַ דריטע אֲסֵפָה.

ווער קען טרעפֿען וויפֿיל בַּעֲלֵי־בָּתִּים עס וועלען קומען צו דער דריטער אֲסֵפָה?

אויב די הונגריגע וועלען חַס־וְשָׁלוֹם דאַרפֿען וואַרטען אויף די בערדיטשעווער אֲסֵפוֹת מעגען זיי נעביך "לייגען די צעהן אויף די פּאַליצעס..."

קיין עַיִן־הָרָע, אַ שטאָדט פֿון הונדערט טויזענד יודען און אַזאַ גרויס שטילשווייגעניש. מענשען אָהן הערצער, אָהן אויערען וואָס ווילען ניט פֿיהלען און הערען פֿון דעם גרויסען אומגליק וואָס האָט געטראָפֿען זייערע בעסאַראַבער ברידער.

*

עס איז שוין באַלד פּוּרִים און ה' ר. ליפּשיץ פֿון קרעמענטשוג (פּאָלט. גוב.) שרייבט אונז וועגען חֲנֻכָּה: אין אייער ציטונג ברענגט איהר פֿון אַ קאָרעספּאָנדענט, אַז ער האָט געפֿרעגט אַכציג קינדער פֿון אונזער תַּלְמוּד־תּוֹרָה פֿאַר וואָס איז איצט חֲנֻכָּה, האָט קיין איינציגער ניט געוואוסט וואָס צו ענטפֿערען. דאָס איז ניט ריכטיג, די מַעֲשֶׂה איז געשעהן איניגע וואָכען פֿאַר חֲנֻכָּה, דאַן ווען ביי די קינדער אין קאָפּ האָט נאָך גערַעַשׁ'ט דער געטומעל פֿון שִׂמְחַת־תּוֹרָה, פֿון דעסטוועגען האָט איינער יאָ געענטפֿערט "עפּיס איבער אַ נֵס מיט אַ קריגעל בוימעל".

אַלזאָ קומט אויס נאָך ה' ליפּשיץ'ס מיינונג אַז יודישע קינדער דאַרפֿען וויסען די יודישע געשיכטע נור אין געוויסע טעג, און אַגאַנץ יאָהר דאַרפֿען זיי ניט וויסען.

אֱמֶת.

מען שרייבט אונז:

משה אהרן אראנאָוויטש פֿון נאָוו־אָדעסא (חערס. גוב.): ביי אונז געפֿינען זיך 130 יודישע פֿאמיליעס פֿון וועלכע כמעט 100 זענען היינטיגען ווינטער געבליבען אָהן פרנסה, די היימישע מיטלען קענען גאַנץ ווינציג פֿערגרינגערען די שלעכטע לאַגע. דעם 26 יאַנואַר האָבען 48 יודישע פֿאמיליעס (300 נפשות) געבעטען ביי דער חערסאָנסקער זעמסקע אופּראַווע הילף ביז דעם נייעם אוראָזשאַי. אַלע יודען פֿון אונזער שטעדטיל האָבען ערב געוועזען איינער

פאר דעם אנדערען אז מען וועט מיט דער צייט בעצאָהלען. אויף דער צווייטער וואָך איז אָנגעקומען 480 רובל און דעם 3 פעהראַל האט מען דאָס געלד צוטהיילט, אויף יעדען נפש, איז אויסגעקומען 1 רובל 67 קאָפּ. די סומע ווי קליין זי איז האָט דאָך געגעבען אַקליינע שטיצע די פאַמיליעס וואָס זענען יעצט אָהן פרנסה.

בן אהרן פון סינאהוזע (פאָד. גוב.): ביי אונז איז קיין שטעדטישע איינפיהרונג ניטאָ, אפילו ניט קיין תלמוד תורה און בקור חולים, מיר וואָלטען אלעס געקענט האָבען, ווען עס זאָלען זיך ביי אונז געפונען חאָטש אפּאָר מענשען וואָס זאָלען זיך אינטערעסירען מיט דעם כלל. אין קאראָבאטשנע סבאָר האָבען מיר גענוג געלד, מיר צאָהלען שטענדיג טאקסע נאָר מיר נעמען קיינמאָל קיין געלד ארויס אויף נייטהיגע שטעדטישע זאכען.

יעקב ליסער פון בערדיטשוב, א. קויפמאן פון מיראפאל, אמת פון קאלא, וו. קאמענעצקע פון ווארָאנאווא, י. אזועצקי פון ראדאמישל שרייבען אונז, אז אין זייערע שטעדט האָבען די ציוניסטען אויפגעעפענט ביבליאָטהעקען, וואו עס געפינען זיך ביכער און צייטונגען אויף העברעאיש, יודיש און אויף אייראָפעאישע שפראכען.

# די יודישע וועלט

**עסטרייך.** *** אמשפט וועגען אנטיסעמיטישע אנפעלע. אין קרייזגעריכט אין צנאים איז יעצט געווען א משפט וועגען אנטיסעמימישע אויסשרייטונגען וועלכע זענען געווען אין נאָוועמבער אין דעם שטעדטיל רוחאוואן (בעהמען). די אנטיסעמיטען האבען צו שפרייט פערשיעדענע בראשורען און בלעטליך, אין וועלכע זיי האבען אויפגערייצט דעם המון געגען יודען, און האבען אנגעוויזען אויף דעם מארד אין פאלנא. 600 מאן האבען זיך צוזאמענגעקליבען און בעוואָרפען יודישע הייזער מיט שטיינער. דער בירגערמייסטער איז אויך געווען אין מיטען צוזאמען מיט דער חברה. די אנפעלע האָבען געדויערט אגאנצע וואָך, ביז אללע יודען האבען געמוזט ארויס פון שטאדט. די הויפטרעדעלפיהרער זענען אבגעמשפט געוואָרען אויף 8 חדשים און אנדערע 3 ביז 5 חדשים געפענגנים. דער משפט פין בירגערמייסטער און אנדערע וועט זיין בעזונדער.

יודישע רעליגיאָן אין עסטרייכישע שולען. דער נייער מיניסטער פון פאלקסאויפקלערונג אין עסטרייך דר. הארטעל האָט איינגעפיהרט אַז אין אלע שולען פון וויען און ברין זאָל מען לערנען די יודישע אמונה אויף די אייגענע אופנים ווי מען לערנט אנדערע רעליגיאָנען.

יודישע דראמען. אין לעמבערג מאכט איין ציוניסטישער פעראיין אלע וואָך פאָרשטעלונגען און די אקטיארען זענען די מיטגליעדער פון פעראיין. דער אינהאלט פון די פאָרשטעלונגען איז גענומען פון יודישער געשיכטע. די פאָרשטעלונגען מאכען אויף דעם פובליקום א גרויסען רושם.

אין קראקוי האָט א וועשין צוגענומען ביי די עלטערען א יודיש מיידעל פון 14 יאהר און איהר אוועקגעגעבען אין א קלויסטער. מען האט קיינעם נישט צוגעלאזען צום מיידיל און זי איז געווען אין קלויסטער ווי אבגעזונדערט פון דער גאנצער וועלט. דער פאָטער האט זיך געווענדט צו דער פאליציי, אבער נאָך 6 וואָכען ווי די מיידיל איז געזעסען אין קלויסטער, האָבען די מאנאשקעס מודיע געווען אז די מיידיל איז פערשוואונדען געוואָרען פון קלויסטער און ווי ווייסען נישט וואוהין.

לשון-קדש. דער „יודישער פעראיין" אין פראג האט געעפענט שפראכקורסען פון העברעאיש, 2 מאל אין וואָך צו דריי שעה. יעדער ווער עס וויל לערנען העברעאיש דארף צאהלען וועניגסטענס 20 קרייצער מאָנאטליך.

א נדבה. דער קייזער פראנץ יאָזעף האָט מנדב געווען 200 קראָנען אויסבויען איין אבגעברענטע שול אין גידאס-נעמעטי (אונגארען).

*

**רוסלאנד.** = דער הונגער אין בעסאראביען. דער קאָרעספאָנדענט פון „וואסחאד" פ. לאנדער טעלעגראפירט: אין טוזלי און אין די דערפער זענען דאָ יודען נויטבעדערפטיגע 98 זעעלען. איך האָב זיי פערזאָרגט לעת-עתה אויף איין חדש. אין פאס, שאבאָ איז דאָ 50 מענשען הונגערנדע; איך האָב זיי אויך פערזארגט אויף 1 חדש.

דר. ליכטערמאן, קאזאני ראבינער אין אנאניעוו, שרייבט דעם „וואָסחאָד": 46 יודישע פאַמיליען פון קאנטא קוזאווקאַ האָבען זיך געווענדט מיט אַ ביטע צום חערסאָנער גובערנאַטאָר ער זאָל זיי העלפען אין זייער שלעכטער לאגע, דען זיי האָבען נישט קיין אַרבייט און ליידען הונגער, דער גובערנאַטאָר האָט איבערגעשיקט די ביטע צו דער אנאניעווער זעמסקי אופראווא און די אופראווא האָט זיי ווייטער צוגעשיקט צו מיר, פערענטפערענדיג זיך דאמיט, אז אַלע מיטעל האָבען זיך אויסגעלאָזען. אויסערדעם האָט מיר דער אנאניעווער אוייעזדני אוספראַווניק מודיע געווען וועגען די שרעקליכע נויט פון די יודען אין דאמאנאווקא. ה' ליכטערמאן בעט הילף פאר די יודען אין קאָנטא קוזאווקא און דאמאַנאווקא

סך הכל האָט די רעדאַקציאָן פון „וואָסחאָד" צוזאמען גענומען נדבות ביז דעם $^{1}/_{19}$ פעבער 6422,65 ר'.

— בילדער פון בעסעראַביען. דער „אָדעסקי ליסטאָק" בעשרייבט איינינע בילדער פון בענדערער אויעזד וואו עס הערשט דער הונגער: דער קאָמיטעט גיט פאַנאַנדער שטיצע 40—30 קאָפ' וועכענטליך אויף אַ גאנצע פאַמיליע, אייגער פון די אַרבייטער, נעהמענדיג די 40 קאָפ' וועלכע מען האָט איהם געגעבען, האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטען און האָט געשריען מיט כעס: מיל יאָנען זעק מיט תבואה האָב איך איבערגעטראָגען אויף מיינע פלייצעס, גאַנצע בערג קאָרן האָב איך איבערגעשאָטען מיט מיינע הענד, און איצט גיט מען מיר 30 קאָפ' אַזוי אָך ווי אַ בעטלער. אין די וואָהנונגען איז קאַלט און פינסטער, די קינדער עסען קאַלטע מאַמעליגע, און די ווייבער פליקען פעדערען, זיי זאָלען קענען פערדיענען חאָטש 60 ק' אַ חדש. די מענער געהען אַרום גאָר ליידיג, און אַמאָל אַרבייטען זיי אָב אַ גאַנצען טאָג פאַר א שטיקיל ברויט.

עס איז געווען איינינע פעלע פון טיפוס נאָר די דאָקטוירים זאָגען אַז „דערוווייל" האָט דאָס נישט קיין שייכות מיט דעם הונגער.

= יודישע קאָלאָניען אין חערס' און יעקטער' גובערניעס. דער „וואָסחאָד" איז מודיע אז דאָס מיניסטעריום פון ערדאַרבייט, בעטראַכטענדיג דעם דין וחשבון פון ה' עלאציג, וועלכער איז געשיקט געוואָרען צו בעזעהען די יודישע קאָלאָניעס אין חערסאנער און יעקטאר' גובערניעס, האָט פאָרגעלעגט די שאלה מען זאָל איבערגעבען די דערמאָהנטע קאָלאָניעס אונטער השגחה פון די אלגעמיינע אינסטיטוציאָנען און מען זאָל זיי איינריכטען לויט דעם אויף אַנדערע אופנים.

צוליעב דער רייזע פון ה' עלאציג וועלען אויך ערפילט ווערען די ביטען פון די קאָלאָניסטען אַז מען זאָל איינריכטען עלעמענטאר שולען אין אלע קאָלאָניעס.

= סענאטס-ערקלערונג. דבורה קאמין, א פרוי פון אַ סלעסאר אויף דער אוראלער אייזענבאהן האָט געעפענט אין יאָהר 1894 אין פערם אַ געוועלביל פון טאפּעטען, טאבאק און נאָך אַנדערע קלייניגקייטען, זי האָט זיך נאַטירליך פריהער געווענדט וועגען איין ערלויבניש צום פערוואַלטער פון דער קאזאני פאלאטע, און ער האָט איהר ארויסגעגעבען א פאַטענט. דאָס געוועלב האָט עקזיסטירט 4 יאָהר, נאָר אויף דעם פינפטען יאָהר האָט די פאליציע פערמאַכט דאָס געוועלב און אנגעגעבען די פרוי קאמין אין אקרוזשנאי סוד דערפאר, וואָס זי האָט געהאַנדעלט מיט אזאָלכע זאַכען וועלכע זי, אָדער איהר מאַן האבען נישט אליין אויסגעאַרבעט. דער אקרוזנאי סוד האָט געפסקנט, אַז איהר קומט נישט קיין שום שטראָף, דען זי האָט פריהער אַנגעפרעגט ביי דער קאזאנער פאלאטע און בעקומען די געהעריגע דאקומענטען. דער פראקוראר איז געווען אונצופריעדען מיט דעם פסק, און האָט אַפעלירט אין דער סודעבנע פאלאַטע און געפאָדערט מען זאָל די פרוי קאמין ארויסשיקען און דער „טשערטא" און קאנפיסקירען איהר סחורה. די פאלאטע האָט זי ווייטער בעפרייט פון יעדע שטראָף. דער פראקוראר האָט ווייטער געפראָטעסטירט, און דער משפט איז איבערגעאַנגען אין סענאט, וועלכער האָט געפסקנט, אַז פרוי קאמין איז גאָרנישט שולדיג, ווייל זי איז געקומען צו אטעות דאדורך, וואָס מען האָט איהר אַרויסגעגעבען אַ פאטענט. דער סענאט האָט דערביי בעמערקט, אַז „דאַס וואָס מען האָט געגעבען יודישע בעלי מלאכות דאָס רעכט צו וואָהנען אויסער דער טשערטא איז נישט כדי צו פערגרעסערען זייער רעכט אויף האַנדלען, נאָר וועגען דעם נוצען וועלכע זיי קענען בריינגען מיט זייער מלאָכה", און אַז יודישע בעלי-מלאכות, וועלכע קויפען אויס א גילדע, קענען נור האַנדלען מיט די זאַכען וואָס זיי אַרבעטען אַליין אויס.

— ווען יודען בעלי מלאכות, וועלכע וואָהנען אויסער דער „טשערטא", האַלטען ביי זיך אין שטוב צוויימאל' אזאָלכע יודען וועלכע האָבען נישט קיין רעכט דאָרט צו וואָהנען ווערען ארויסגעשיקט אין דער טשערטא אַלס שטראָף פאר זייער חטא. דער סענאָט האָט ערקלערט, אַז ווען אזאלכע בעלי מלאכות האלטען ביי זיך איינעם פון זיין אייגענער פאמיליע וועלכער טאָר נישט וואָהנען אויסער דער טשערטא קומט זיי נישט דערפאר ארויסצושיקען אין דער טשערטא, און אויך ווערען זיי נישט פאר אזא חטא אויסגעשלאָסען פון צעך.

= רעמעסלענני קלאַסען אין דער תלמוד תורה אין זשיטאמיר. אין זשיטאמיר האָט זיך געעפענט ביי דער „תלמוד תורה" האַנדווערקער קלאַסען, און די עפנונג איז געפייערט געוואָרען מיט גרויס פאראד. צו דער בעשטימטער צייט זענען געקומען דער גובערנאטאר, וויצע-גובערנאטאר, די פאָרשטעהער פין דער יודישער קהלה און נאָך אַנדערע פאָרנעהמע געסט. דער חזן האָט געזונגען תפלות, און דער ראבינער דר. סקאמאראווסקי האָט געהאַלטען אַרעדע, אין וועלכער ער האָט אויפגעפאָדערט די קהלה צו שטיצען די נייע האנדווערקער קלאַסען. דר. ראזענבלאט, וועלכער איז דער דאָקטאָר פון „תלמוד תורה" האָט בעקאַנט געמאכט די פערזאמלונג מיט דעם מצב פון דער תלמוד תורה: אין דער תלמוד תורה לערנען 200 קינדער, און זי פערנעהמט 2 הייזער. איין הויז איז שלעכט איינגעריכטעט אין היגיענישער הינזיכט, די צימערען זענען צו ענג און אביסעל פינסטער, דאָס אנדערע הויז איז בעסער איינגעריכטעט, די תלמידים זענען גרעסטענטהיילס פון די אָרימסטע קלאסען און זיי בעקומען אויך עסען אין תלמוד תורה. נאָר דאָס עסען בעשטעהט די גאנצע וואָך פון אַשטיקיל ברויט און אַ זופ פון ביינער, און איינמאָל אין וואָך בעקומען

זיי פֿלייש. די גרינדער פֿון די האנדווערקער קלאַסען זענען ההי׳ גלאזבערג דר. סקאמאראווסקי, גאטעסמאַן, ס. איוואַנטער און אנדערע.

אַ פֿערבאט. דער „בעסעראַבעץ" איז מודיע, אז מען האָט געאַסר׳ט יודישע טראַקטירען אין קישינעוו צו האַלטען ביי זיך איין איקאנע. דער איסור שטאַמט נישט פֿון רב, נאָר פֿון פּאָליציימייסטער.

= לאַנדוווירטשאַפֿטליכע שולע אין די יודישע קאָלאָניעס. דער מיניסטער פֿון ערדאַרבייט האָט גערעשעט צו מאַכען אַ לאַנד־ווירטשאַפֿטליכע שולע פֿאר די יודישע קאָלאָניעס אין חערסאָנער גוב׳, אין דער קאָלאָניע נאַוואַ פאלטאַווקאַ. צו דעם צוועק ווערט געמאַכט אַ קאָמיסיע אויסצואַרבעטען די שאלות וועלכע זענען פֿערבונדען מיט דעם בויען פֿון דער שולע. אין וועסנא וועט מען אָנהויבען צו בויען.

= אַ יוד, ה׳ רוויטער האָט געדונגען אין אַרענדע אַ מיהל וואָס געפֿינט זיך אין אַ דאָרף. ווען ה׳ רוויטער איז מיט דעם אייגענטימער פֿון מיהל געקומען צום נאַטאַריוס אין דער שטאָדט אנאַניעוו (חערס. גוב.) מאַכען צווישען זיך אַ קאָנטראַקט, האָט דער נאַטאַריוס ענטזאַגט ענטפֿערענדיג זיי, אַז לויט IV, 959 סוואָד זאַקאָן טאָרען יודען ניט נעמען אין אַרענדע קיין זאַך וואָס געפֿינט זיך אויף דער ערד אויסער דער טשערטאַ. רער יוד האָט אַנגעקלאַגט דעם נאַטאַריוס אין אדעסער אקרוזשנאי סוד, וועלכער האָט ערקלעהרט אַז ווירטהשאַפֿט געביידען ווי אַ מיהל, אַ פֿאַבריק א. ד. ג. מעגען יודען אומעטום אַראַנזירען און דעם נאַטאַריוס בעפֿעהלען ער זאָל דעם קאָנטראַקט פֿון ה׳ רוויטער מאַכען.
(אדעסק. נאָוואָסטי).

*

**דייטשלאַנד.** = אין די בערלינער יודישע צייטונגען הערט מען נישט אויף צו רעדען וועגען דער פרוי דערסטלינג, וועלכע נייט אַלע יודישע שילערינען אין איהר פענסיאָן צו לערנען די קריסטליכע אמונה, איינינע פֿרויען וועלכע האַלטען פענסיאָנען אין בערלין האָבען מודיע געווען אין די צייטונגען, אַז זיי נעהמען אָן יודישע שילערינען נור אין אַגעוויסען פראָצענט. די לעזער וואָלטען אפשר מיינען אַז די ידיעות ווירקען אויף יודישע עלטערען, זיי זאָלען נישט געבען זייערע קינדער אין די שולען, ווייזט זיך אָבער ארויס, לויט ווי די אַנטיסעמיטישע צייטונגען שרייבען, אז יודען האָבען דוקא ליעב אַזאָלכע שולען און שיקען נאָך מעהר אַהין זייערע קינדער.

= דעם 31 יאַנואַר איז אָבגעלויפֿען 50 יאָהר זייט די פרייסישע יודען האָבען בעקומען גלייכע רעכטע מיט אַלע. אין יאָהר 1855 האָט מען געשטעלט איין אַנטראַג מבטל צו זיין די גלייכע רעכטע, נאָר דאמאָלס האָט דר. לודוויג פֿיליפזאָהן פיעל געאַרבייט און דער אנטראַג איז נישט אָנגענומען געוואָרען.

*

**פֿראַנקרייך.** = דער אַנטיסעמיטיזמוס אין אלזשיר. אין אלזשיר זענען די אַנטיסעמיטען שטילער געוואָרען. אין אָראַן איז קירצליך אויסגעקליבען געוואָרען אלס סענאַטאָר דער יודענפֿריינד סען־זשערמען. דער מאַיאָר פעפֿוי וועלכער איז געווען דער רעדעלפֿיהרער פֿון די אַנטיסעמיטען אין אָראַן האָט פֿערלאָזט זיין פאַרטיי און צוגעשטאַנען צו די רעפּובליקאנער, מען האָפֿט, אַז יעצט וועט אין אָראַן ווערען שטיל.

*** יודישע סענאַטאָרען. די יודישע סענאַטאָרען פויל שטרויס און עדוארד מילאָ זענען אין די לעצטע סענאַטסוואַהלען ווידער אויסגעקליבען געוואָרען. דער ערשטער פֿערטרעט אין סענאַט די שטאָדט פאַריז, און דער צווייטער די שטאָדט ליאָן.

— אדאָלף ראָטהשילד. אין פאריז איז געשטאָרבען אדאָלף ראָטהשילד, אין אַלטער פֿון 77 יאָהר. די פאַריזער צייטונגען ערצעהלען וועגען איהם פֿאָלגענדעס: אדאלף ראָטהשילד איז געווען דער אייגענטהימער פֿון באנקהויז ראטהשילד אין נעאַפעל (איטאליען) און איז געווען שטאַרק בעפֿריינדעט מיט די קעניגע פֿערדינאַנד II און פֿראַנציסק II. ווען סיציליען איז איבערגעגאַנגען צו איטאַליען איז אדאָלף ראָטהשילד אַרויס קיין פאריז, פֿאַר זיין לעבען האָט קיינער נישט געוואוסט וויפֿיעל צדקות ער האָט געטהון, דען ער האָט ליעב געהאט צו געבען אין דער שטיל, און אפילו זיין קאַסיר האָט נישט געוואוסט פֿון זיינע נדבות. ער האָט געהאָלפֿען יעדערען ווער עס האָט זיך צו איהם געווענדט, נישט פֿרעגענדיג וואָס און ווער יענער איז, ער פֿלעגט אויך געבען נדבות אויף דער גאַס. פֿאַר אפאָר יאָהר צוריק האָט געמוזט די פאריזער פּאָליציע שטעלען אַ וואַכט אויף זיין שפּאַציר אָרט, כדי צו שיצען איהם פֿאַר די בעטלער, וועלכע פֿלעגען איהם בעלעגערען און נישט צולאָזען צו איהם אמתע אָרימע לייט. די אָרימע לייט האָבען אַליין געבעטען וועגען דעם די פאַריזער פּאָליציע.

*

**ענגלאַנד.** = אַ זיצונג פֿון דער ענגליש יודישער געזעלשאַפֿט. דעם 4 פֿעבער איז געווען די מאָנאַטס פֿערזאַמלונג פֿון דער ענגליש יודישער געזעלשאַפֿט (Anglo-Jewish Association). פֿריילין אַלגאַ די אווויגדאָר האָט געגעבען איין אינטערעסאַנטען בעריכט וועגען איהר אונלענגסטיגער רייזע אין ארץ ישראל. בעזונדערס האָט זי דערצעהלט וועגען דער מעדכען־שולע פֿון עוועלינא ראָטהשילד אין ירושלים. עס איז מערקווירדיג, אַז די שולע בעזוכען נור 370 מעדכען, בעת עס איז דאָ פלאַץ פֿאַר 500; דאביי עקזיסטירט נישט קיין אַנדערע שולע אין ירושלים, און פֿיעל יודישע קינדער געהען זאָגאָר אין די מיסיאָנס שולען, די סבה דערפֿון איז, דאָס די יודען אין ירושלים טהיילען זיך נאָך די לענדער פֿון וואַנען זיי שטאַמען, און זיי אונטערשיידען זיך שטאַרק איינע פֿון די אנדערע, נאָר איין זאַך וואָלט זיי געקענט צוזאַמענבינדען: דאָס איז די העברעא׳שע שפּראַך, און ווען מען וויל אז די צאָהל פֿון די שילערינען אין דער שולע פֿון עוועלינא ראָטהשילד זאָל זיך פֿערגרעסערען, דארף מען זאָרגען פֿאר גוטע לעהרער אין העברעאישער שפּראַכע, וועלכע איז פֿיעל נייטהיגער צו לערנען אלס ענגליש.

*** דער ציוניסטישער פֿעראיין „מאקאבעער" אין ליווערפול האָבען בעשלאָסען צו מאַכען איין באַל לכבוד דעם לאָרדמער פֿון ליווערפול ה׳ כהן. אויף דעם באל וועלען קומען דער געוועזענער לאָנדאָנער לאָרדמער ה׳ פֿיליפּפּס און נאָך פֿיעל געוועזענע און יעצטיגע לאָרדמערס־יודען אין ענגלאנד, וועלכע וועלען מיט זייער פערזאָן בעווייזען צו וואָס פֿאַר א הויכע מדרגה יודען זענען געקומען אין ענגלאנד,

*

**בולגאַריען.** = די „אַלגעמיינע צייטונג ד. יודענטהומ׳ס" ברענגט דעם אינהאלט פֿון צירקולאַר וועלכען דער בולגאַרישע מיניסטער דעם איננערען ראדאסלאַוואָוו האָט צושיקט אלע פּאָליציי־פּרעפֿעקטען:

„איך האב בעקומען די ידיעה אַז די אַנטיסעמיטישע צייטונגען, וועלכע רייצען אויף דאָס פֿאָלק געגען יודען, האָבען פֿיל פוער געווען אין געוויסע ערטער. אין איינינע מקומות האָט מען אויך צושפּרייט בראָשורען, וועלכע זידלען — שטאַרק די יודען. נאכדעם ווי איך האָב אויפֿמערקזאָם געמאַכט אומעטום די אַדמיניסטראַציע צו וואָס פֿאַר אַ שעדליכע זאַכען די העצע קען ברענגען, בעפֿעהל איך אייך אויסדריקליך אז איהר זאָלט טהון אלעס מעגליכע עס זאָל מעהר אַזאָלכעס נישט פֿאָרקומען. איך מאַך אייך פערזענליך פעראַנטוואָרטליך פֿאר אלעס וואָס קען ארויסקומען. ווען איהר וועט נישט פֿריהער אלעס פֿערזאָרגען".

*

**ארץ ישראל.** = פיעל ארבייטער פון די קאלאניעס זענען געבליעבען אהן ארבייט און זיי מוזען מיט א וועטהיג אין הארצען ארויס פאהרען פון ארץ ישראל. אייניגע פאהרען קיין ענגלאנד אדער אמעריקא, און אייניגע פערשרייבען זיך צו פאהרען קיין ציפערען, וואו ה׳ טריטש וויל מאכען א יודישע קאלאניע.

עס איז געקומען א ידיעה פון פאריז אז דעם 15־טען פעברואר וועט קומען קיין ארץ ישראל ה׳ מאירסאהן פון דער חברה יק״א.

*** וואסערלייטונג אין ירושלים. שוין פיעל מאל האבען חברות און איינצעלע מענשען־אייראפעער געבעטען די טערקישע רעגיערונג וועגען איין ערלויבניש צו בויען א וואסערלייטונג אין ירושלים, און אלעמאל האט די רעגיערוגג אבגעזאגט. יעצט וויל די רעגירונג אליין נעהמען דעם עסק אין האגה, און בעקלערט אויף וואס פאר איין אופן צו דעקען די הוצאות פון דער וואסערלייטונג. די שטאדט־פערוואלטונג האט פארגעלעגט צו מאכען אויף דעם די זעלבע הכנסה ווי אין ביירוט, די רעגירונג זאל צונעהמען און פערקויפען די פעל פון געשלאכטעטע בהמות.

*** דער איסור וועגען איינוואנדערונג פון יודען אין ארץ ישראל איז לויט דעם נייען בעפעהל פון דער רעגיערונג אויך פערברייטערט אויף טערקישע אונטערטאנען. טערקישע יודען וועט מען געבען אינלאנדס־פעסער נור אויף 3 חדשים.

*

**אזיען.** = יודישע עמיגראנטען אין קליינאזיען. פֿון דער שטאָדט טולצשי אין רומעניען זענען אַרויסגעפֿאָהרען 160 יודען קיין קליינאזיען, כדי זיך דאָרט צו בעזעצען, די טערקישע רעגיערונג האָט זיי גערן אויפֿגענומען גלייך מיט די מאחמאדאנער, וועלכע עמיגרירען פֿון קרעטא און בולגאריען; זי האָט זיי געשענקט ערד צו 20 דונאם אויף איין מענש נעבען אנגאָרא, וואו עס בויט זיך יעצט א באהן, און אויך געגעבען 100 פֿערד צו דער ארבייט, דער קאָרעספּאָנדענט פֿון Jewish Chronicle פֿערזיכערט, אז די טערקען נעהמען גערן אויף יודישע עמיגראנטען פֿון רומעניען, און טהון זיי א סך טובות, ווייל די רומענישע יודען זענען אמאָל געווען טערקישע אונטערטהאנער און יעצט ווערען זיי גערעכענט פֿאר פֿרעמדע אין זייער אייגען פֿאטערלאנד.

מען האָט בעקומען די ערלויבניש פֿון דער טערקישער רעגיערונג אז נאָך 100 פֿאמיליען פֿון טולצשי זאָלען זיך בעזעצען אין קליינאזיען אויף די אייגענע בעדינגונגען, נאָר מען וועט מוזען אָבוואַרטען און זעהען ווי די פֿריהריגע עמיגראנטען וועט געהען אין זייער נייער היים.

---

## אלגעמיינע וועלט נייעס.

**עסטרייך.** = דער משפט פון מאסאריק. פראפעסאר מאסאריק וועלכער האט געשריבען א בראשורע געגען פאלנאער פראצעס איז געמשפט געווארען דערפאר אויף 60 גולדען שטראף אדער 6 טאג ארעסט.

בעט גאָט, ער זאָל מיר מוחל זיין, איך ווער רוהיג. נאר פאַר וואָס טהוט מיר פאַרט וועה דאָס הארץ? וואָס איז דאָס שייך צום הארצען? פאַר וואָס בין איך אונמוטהיג, און עס ווילט זיך מיר ניט עסען א גאַנצען טאָג? און ווי בעט איך גאָט, איך זאָל קענען פרום זיין ווי אלע מיינע חברים, וואָס קענען היינט אויך לויפען און שטיפען, לאַכען און זינגען ווי אַלע טאָג, גלייך ווי עס וואָלט גאָר א קראַנקע קינפעטאָרין ניט געווען, און מאיר יעקע וואָלט גאָר היינט ניט דאַרפען מאַכען א באַרג אש פון קלמנ'ן!...

אויך די טרייע מאַמע האָט אין מיר בעמערקט, אַז איך בין היינט עפּיס ניט ביי מיין מוטה, זי האָט מיך געפרעגט, צי טהוט מיר ניט וואָס וועה? געטאַפּט די שטערן, צי האָב איך ניט וואַרעמקייט? געפרעגט: צי ברעכען מיר ניט די גלידער, צי פיהל איך ניט א קעלט אין די ביי־נער? אויך די צונג האָב איך איהר געמוזט ווייזען, און אַז זי האָט קיין אַנדער סבה ניט געפונען, פון וואָס איך בין אַזוי אונמוטהיג און עס גאָר נישט, האָט זי געזאָגט: סיידען דער רבי האָט דיך געשמיסען, אָדער געשלאָגען! — איך האָב א צוצעפּ געזוכט פאַר וואָס צו קענען וויינען, די לעצטע ווערטער דער מאַמעס האָבען מיר אַזאַ צוצעפּ געגעבען, איך האָב אָנגעהויבען צו וויינען, און וואָס די מאַמע האָט זיך ניט צובעטען, איך זאָל האָטש עפּיס עסען, זי וועט מאָרגען דעם רבי'ן מי יודע וואָס טהון, איך האָב נור געשוואָרען, אַז ניט דער רבי, ניט די חברים האָבען מיר וואָס געטהון, עסען אָבער האָב איך ניט געקענט און האָב זיך גע־לעגט שלאָפען אָהן וועטשערע.

א גאַנצע נאַכט נאָך אַזאַ טרויעריג צוגעבראַכטען טאָג האָב איך מאיר יעקען אין חלום געזעהן אין פערשידענע פּאָזען, ווי איך פלעג איהם ווירקליך אַמאָל זעהען, און ווי מיין פאַנטאַזיע פלעגט מיר איהם אָפט אויך פאָרשטעלען. אָט זעה איך איהם זיך טראָגענדיג מיט ר' אריה דעם דיין און מיט זיין גאַנצער קאָמפּאַניע צדיקים, און אָט לויפט צו די יודענע, וואָס האָט אין דער פריה אין אָרון הקודש אַזוי געקלאָגט, פאַלט צו צו איהם און שרייט: ר' מאיר יעקע, ראַטעוועט מיין טאָכטער. אַזאַ יונג בוימעלע, נאָר איהר איינער קענט פון קלמנ'קע דעם אפּקורוס א באַרג אַש מאַכען! גיכער געהט, נעהמט נקמה פאַר מיין קינד! קומט, ר' מאיר יעקע, שרייט צו איהם דער יוד מיט דעם גרויסען תּפלין של ראש, קומט, איך וועל אייך ווייזען וואו דער אפּקורוס בעהאַלט זיך! דער יוד געהט און ר' מאיר יעקע שפּרייזט נאָך. אָט איז די שוהל, אָט דאָ, אָט דאָ אין די פּאָלעש ליגט ער! שרייט דער יוד, רבי מאיר יעקע שפּרייזט אַריין, שלעפּט אַרויס קלמנ'ן פאַר זיינע געקרויזעלטע האָר, גיט א שפּרונג מיט איהם, אָט איז ער שוין אויפ'ן שפּיץ דאַך. גיט איהם א שליידער אראָב. קלמן פאַלט נעבען מיינע פיס, צובלוטיגט, צושלאָגען, איך וויל צוגעהן צו איהם, נאָר אָט איז שוין מאיר יעקע ווידער דאָ, קלמן בעט זיך מיט אַזאַ ריהרענדען נגון, דאַכט זיך מיט דעם נגון פון מפטיר, ווי איך האָב ערשט פאָריגען שבת איהם געהערט לייענענדיג אין דייטשען מנין. עס צוגעהט מיר דאָס הארץ פון מתוקות און פון רחמנות, נאָר מאיר יעקע גיט א געשריי: ולגדולתו אין חקר! עס גיט א קלאַפּ און א קלונג, איך זעה ווי די שויבען פון די שוהל־פענסטער פאַלען אַרויס און ציִשיטען זיך אין שפּליטער. מאיר יעקע בייגט זיך איין, הייבט אויף א שטיק גלאָז, א גרויס שטיק, דערלאַנגט עס קלמנ'ן — "שלינג דאָס איין, אפּיקורוס!" גיט ער א ברום: "גאָט האָט דיר געהייסען". — און אַז גאָט וועט אייך הייסען טהון אַזאַ נאַרישקייט, פרעגט קלמן אַלץ מיט דעם נגון פון מפטיר, וועט איהר איהם פאָלגען, ר' מאיר יעקע? — אודאי!" גיט ער א ברום, און עס הילכט אָב דער ברום פון אַלע זייטען און עס ברומט, דאַכט זיך, די גאַנצע וועלט אַרום מיר, עפּיס ווי א שטורעם ווינד א שטאַרקער, און איך זעה מיט שרעק ווי מאיר יעקע חאַפּט א שטיק שפּיציגע גלאָז, עפענט א שרעקליך מויל, שלינגט איין, און באַלד נאָך א שטיק און נאָך א שטיק, ער שלינגט און שלינגט, עס נעהמט זיך גאָר ניט אויס, נישטאָ שוין קלמן, נאָר איך בין אַליין מיט איהם, איך ציטער פאַר שרעק, איך האָב מורא טאָמיר גיט ער מיר א שטיק גלאָז איינצושלינגען, און ווי איך גיב עס נור א טראַכט, ווייס ער שוין וואָס איך טראַכט... "נאָ, יונגעלע, גיט ער צו מיר א געשריי, שלינג דו אויך איין א שטיק גלאָז, גאָט וויל דיך פּרוווען צי דו וועסט איהם פאָלגען! איך הייב אָן לויפען, נאָר די פיס זענען שווער ווי קלעצער, איך שריי, נאָר מיין קול איז פערשטיקט, אָט, אָט האַפּט ער מיך, ער האַלט מיך שוין, נאָר אין דער רגע דערפיהל איך אַזאַ ווייכע וואַרעמע האַנד אויף מיין שטערן, איך עפען מיינע אויגען, די געטרייע מאַמע שטעהט נעבען מיין בעטיל, האַלט איהר האַנד אויף מיין קאָפּ און פרעגט מיך: צי האָב איך זיך אויך דערשראָקען פון דעם שליידער, וואָס דער ווינד האָט געטהון די לאָדען אין פענסטער און דריי שויבען אויסגעבראָכען. שולדיג איז דאָס דינסטמיידיל, דערצעהלט זי מיר, וואָס זי האָט די לאָדען ניט גוט צוגעשפּילעט, נאָר א כפּרה דער היזק פאַר דיר, מיין קינד! אָבער וואָס ציטערסט דו אַזוי? עס איז א ווינד און עס וועט אודאי באַלד רעגענען, עס דונערט שוין אפילו. און נאָך איידער איך האָב צייט א וואָרט אויסצורעדען ווערט דער גאַנצער חדר ליכטיג פון א בלענדענדען בליץ און באַלד האָט א קלאַפּ געטהון א שרעקליכער דונער וועלכער האָט אין מיטען ווי זיך אָבגעריסען און אין טויזענד שטיקער זיך צושאָטען.

— "טהו חסד, גאָט אין הימעל! הער איך די מאַמען שטיל און פרום אַרויסרעדענדיג, הסד טהו מיט אַלעמען, און בעשיטץ מיין טהייער קינד, מיין אונשולדיג קינד!" און דאָס וואַרפט אויף מיר נאָך מעהר אימה, עס בליצט ווייטער און אַלאַנגער דונער ציהט זיך דומפּף און ביי־זערענדיג זיך, אַמאָל העכער, אַמאָל שטילער. די געטרייע מאַמע איז אַריבערגעבויגען איבער מיר, ווי מיך צו בעשיצען, איך טולע זיך צו איהר און ציטער ווי פון א קדחת.

איך האָב געוואוסט צו ליעב וועמען עס דונערט. קלמנ'ן האָט דער דונער געטראָפען, טראַכט איך, מיט שרעק, איך האָב אויך געזינ־דיגט, שטאַרק געזינדיגט, אויף גאָט אַליין שלעכטס געטראַכט, איך האָב שוין איצט חרטה, איך בעט איהם, מיר מוחל זיין, איך וועל ניט מעהר! נאָר עס הערט ניט אויף צו דונערן. גאָט איז נאָך אין כעס, און האָטש איך ווייס, אַז מען קען זיך פון גאָט ניט בעהאַלטען, פונדעסטוועגען בעהאַלט איך זיך הינטער דער מאַמען און הער ניט אויף צו ציטערן.

וואָס האָסט דו אַזוי מורא, מיין קינד? פרעגט די מאַמע. זיך וואונדערענדיג, וואָס איך ציטער אַזוי.

גאָט איז אין כעס! רעד איך שטיל אַרויס.

— זאָל ציטערן יענער, וואָס דערצאָרנט איהם! טרייסט זי מיך, זאָל יענער זיך שרעקען, וואָס טראָגט א שווערע זינד אויף זיין הארצען. דו, מיין זוהן, ברויכסט נאָך ניט אַזוי ציטערן, אין גאָטס הענד זענען מיר אַלעמאָל, זיין שטראָף קען אונז טרעפען צי עס דונערט, צי ניט.

— זיי מיר מוחל, מאַמע טהייערע! האָב איך אַרויסגעשטאַמעלט, האָטש עפּיס גרינגער צו מאַכען מיין זינד, וואָס ליגט אַזוי שווער אויף מיין הארצען איצט. איך האָב איהר געוואָלט אַלץ דערצעהלען, נאָר זי האָט אויף מיין ודוי ניט געוואַרט און מיט אַקוש געענפערט:

מוחל, מוחל, מיין ליעב קינד, זאָל מיר אַזוי גרינג זיין צייט מיין לעבען דיר אַלץ מוחל צו זיין, ווי גרינג מיר איז דיין נעכטיגער קאַפּריז דיר מוחל צו זיין! נאָר עפּיס האָט דאָך געמוזט זיין, וואָס דו ביזט אַזוי אונמוטהיג געוועזען. אַבי דו האָסט חרטה! און זעהסט דו, גאָט איז אונז שוין אויך מוחל, עס לויטערט זיך אויס, און מאָרגען וועט א שענער טאָג זיין! די גוטע מאַמע האָט נאָך דריי מאָל אָבגעלעקט די שטערן מיינע, דריי מאָל אויסגעשפּייט, געשעפּצעט עפּיס פון א סגולה וועגען, מיר גע־הייסען שלאָפען און איז אַליין אויך צוריק אין איהר בעט אַריין.

אויף מאָרגען האָב איך אין חדר געהערט, אַז דער נעכטיגער גרוי־סער דונער האָט צובראָכען די פליגלען פון ווינדמיהל און אַז ביי דעם מיהלנער איז א טהייער פערד דערהרג'ט געוואָרען.

— און קלמן? האָב איך געפרעגט.

— דעם אפּקורוס מיינסט דו? האָט מיין חבר איבערגעפרעגט.

— יאָ, ער לעבט?

— ער וואָהנט דען ביי'ם מיהלנער? פאַר וואָס זאָל ער ניט לעבען?

— איך האָב געמיינט, אַז דער דונער האָט איהם איינגעשלאָגען. האָב איך בתמימות דעם חבר דערצעהלט.

— הלואַי אָמן! האָט דער חבר געזאָגט, אָבער אַזאַ רָשָע האָט גאָר קיין מורא ניט, איך האָב איהם היינט געזעהן, ער איז געגאַנגען פֿון באָדען זיך. ער איז געזונד ווי עֵשָׂו.

אָבי ער לעבט, האָב איך זיך געטרייסט, אַבי דער דונער האָט איהם ניט איינגעשלאָגען, און מאיר יעקע האָט איהם ניט געהרגט! דערמאָנענדיג זיך אָן מאיר יעקען, דערמאָן איך מיין חלום, און מאיר יעקע שטעלט זיך מיר פֿאָר ווי אַ ווילדער גַזְלָן, ווי אַ ווילדע חַיָה רָעָה וואָס שלינגט גלאָז. איך גיב אַ ציטער, און פֿיהל, אַז איצט האָב איך איהם פֿיינט, און פֿערקעהרט, קלמן איז מיר ליעב, איך זעה איהם ווי ער איז צושלאָגען, פֿערוואונדעט, עפּיס פֿיהלט מיין האַרץ אַזאַ מין רַחֲמָנוּת אויף איהם, אַז איך וואָלט איהם איצט זעהן, דאַכט מיר, וואָלט איך איהם זאָגען, ער זאָל זיך היטען פֿון מאיר יעקען. נאָר אָט דערמאָן איך זיך דעם נעכטיגען דונער און ווידער שרייט עס אין מיר: פֿאָלג ניט דעם יֵצֶר הָרָע, וואָס רעדט דיך אָן מאיר יעקע דעם צַדִיק פֿיינד צו האָבען, און קלמן דעם אַפּיקורוס דעם רָשָע ליעב צו האָבען! מיינסט, אַז עס דונערט איצט ניט, דאַרף מען שוין פֿאַר גאָט קיין מורא האָבען? אַלע מאָל זענען מיר ביי איהם אין האַנד, צי עס דונערט צי ניט. אַלע מאָל קען אונז זיין שטראָף טרעפֿען, האָט די מאַמע געזאָגט, און איך האָב שוין ווידער חרטה, נאָר וואָס טהו איך מיט מיין האַרצען, וואָס נאָיעט, וואָס האָט רחמנות, וואָס קען פֿאָרט ניט ליידען אָט דעם ווילדען מאיר יעקען, וואָס שלינגט גלאָז ווי אַ היה רעה? דער רבי רופֿט אונז לערנען, בְּעֵת איך לערן פֿערגעס איך אויף אַ ווײלע מיינע מַחֲשָׁבוֹת.

(פֿאָרטזעטצונג קומט)

---

# קַאליקעס.

א ראָמאַן אויס דעם יודישען לעבען אין רוסלאַנד.

פֿון מ. ספּעקטאָר.

## IV.

### צווישען נייע מענשען.

ווען אידאַ איז אַרויסגעפֿאָהרען קיין פּעטערסבורג, האָט איהר דער פֿאָטער מיטגעגעבען בריעף צו זיינע צוויי אַמאָליגע חֲבֵרִים פֿון דער יוגענד, וועלכע מען רופֿט היינט באָריס פּעטראָוויטש קריינען און לעוו אַסיפּאָוויטש סאָלאָמאָנאָוו. צו דעם ערשטען האָט ער טעלעגראַפֿירט מען זאָל זיין טאָכטער בעגעגנען אויף דעם וואָגזאַל. אין דעם בריעף צו קריינען האָט ער געבעטען אַז די ערשטע צייט זאָל זי וואָהנען מיט זיין פֿאַמיליע, ער וואָלט וועגען דעם געשריעבען סאָלאָמאָנאָווען, נאָר געוויס וואָהנט ער יעצט אין זיין זומער־וואָהנונג אויסער דער שטאָדט.

קריינענס פֿאַמיליע האָט זיך געפֿרייט וואָס עס דאַרף קומען אַזאַ גאַסט, ווייל ווען באָריס פּעטראָוויטש איז פֿאָריגעס יאָהר דורכפֿאָהרענדיג לאַוראָווע, געוועזען ביי נחמן ליפּשיץ אין הויז, האָט ער זיך מיט אידאָן בעקענט און ער האָט זי פֿאַר זיין פֿרוי און קינדער געלויבט. איבערהויפּט איז געוועזען צופֿריעדען פֿון דעם גאַסט די מאַדאַם קריינען, ווייל זינט איהר מאַן האָט זי מיט די קינדערליך געבראַכט קיין פּעטערסבורג, בייגקט זי אַלץ אַהיים—קיין לאַוראָווע, האָטש זי האָט שוין דאָרט קיינעם ניט, כִּמְעַט אַלע איהרע קְרוֹבִים זענען אויסגעשטאָרבען. די צוואַנציג יאָהר וואָס זי וואָהנט דאָ האָבען זי ניט צו געבונדען צו דער גרויסער שטאָדט. וואָס פֿאַר אַ לעבען האָט זי דאָ אימשטיינס געזאָגט, וואָס קומט איהר אַרויס, וואָס איהרע צוויי זיהן זענען דאָקטוירים, וואָס איהר מאַן איז געוואָרען אַ גרויסער פּריץ, איהר טאָכטער און איהר שנור, דעם עלטערן זוהן'ס פֿרוי, זענען פּריצעס, און וואָס וועט זיין פֿון איהרע איבריגע קינדער? וואָס קומט איהר אַרויס פֿון דעם אַלעמען, ווען זי איז שטענדיג אַרומגערינגעלט מיט פֿרעמדע און אייגענע גוֹיִם און גוֹיָה'ת, ניט דאָ קיין שַׁבָּת, קיין יום טוב, זי הערט ניט קיין יודיש וואָרט, יעדען פֿרייטאָג צו נאַכטס דאַרף זי זיך מיט איהרע בענשליכט בעהאַלטען ווי אַ גַנָב, די אייגענע קינדער זאָלען פֿון איהר ניט לאַכען. דער מאַן האַלט אפילו שטענדיג מיט איהר, נאָר ער איז „אַ לעמישקע", ער קען ניט אָנשרייען אויף די קינדער ווי אַ טאַטע, ער זאָגט „אַז מיט היינטיגע קינדער טאָר מען זיך ניט קריגען". שרהביילע פֿאָלגט איהר מאַן וואָס ער זאָגט און קריגט זיך אויך ניט מיט איהרע קינדער, נאָר זי פֿיהרט זיך אַ בעזונדער בעהאַלטענעס לעבען מיט איהר דאַוונען, וואַשען און בענשען ביים עסען, און איהר מאַן מיט די קינדער פֿיהרען אויך איין בעזונדער לעבען. כָּל זְמַן איהרע צוויי דאָקטוירים מיט אַגען זענען געוועזען קליינע קינדער, ד. ה. אין איהר רְשוּת, האָט זי זיי געלערענט ווי זי האָט געוואָלט. נאָר ווי זיי האָבען אָנגעהויבען געהן אין די שקאָלעס, זיך בעקענט מיט חברים, האָבען זיי אויפֿגעהערט פֿאָלגען. אָט האָט זי נאָך דריי קינדער און זיי הויבען שוין אויך אָן ניט צו פֿאָלגען. וואָס קען זי טהון? מיט אַלעס פֿיהרט זיך איהר הויז ווי איהרע קינדער ווילען, נאָר איין זאַך האָט זי געשטעלט אויף איהרען — אין איהר שטיב איז קיין מאָל ניט אַריינגעקומען קיין טְרֵיפוֹת, עס פֿיהרט זיך אַ יודישע קיך און אַלע מוזען עסען כָּשֵׁר'ס. די הויזלייט האָבען זיך ניט איין מאָל געפּריוועט דאָס אויך ביי שרה ביילען צונעמען, נאָר זי האָט זיך געגען דעם נעראַנגעלט דאָס גאַנצע לעבען מיט אַלע קרעפֿטען און האָט אין דעם גוֹבֵר געוועזען. זי היט שטענדיג איהר כָּשֵׁר'ה קיך ווי מען היט אַ פֿעסטונג פֿון די שוֹנְאִים, און קיינער וואַגט ניט מעהר אויף איהר אָנצופֿאַלען.

זי טראַכט שטענדיג וועגען דעם, ווי גוט וואָלט איהר געוועזען, ווען זי וואָלט געלעבט מיט איהר מאַן און קינדער אין לאַוראָווע צווישען איהריגע, צווישען יודען. עס ציהט זי שטענדיג אַהין. די גאַנצע צייט קלויבט זי זיך האָטש פֿאָהרען אַהין אויף קֶבֶר אָבוֹת, און אַזוי געהט אַוועק אַ יאָהר נאָך אַ יאָהר און זי קען זיך ניט אַרויסרייסען. אויף וועמען קען מען איבער לאָזען, קיין עַיִן הָרָע, אַזאַ שטוב?

מיט אידאַס קומען האָט זי זיך דערפֿרעהט, זי וועט האָבען האָטש מיט וועמען אַ יודיש וואָרט צו רעדען, פֿאַר וועמען דאָס האַרץ אויסרעדען, אידאַ וועט איהר דערצעהלען וועגען לאַוראָווע.

צוליעב דעם גאַסט האָט שרה ביילע היינטיגען אָבענד צום טהיי געבראַכט אַ סלאָי „ווישניאַק" וואו די ווײַנשעל ווייקען זיך אין בראָנפֿען שוין אַ יאָהר צוויי (דאָס איז בעהאַלטען צו אַנעס תְּנָאִים). זי האָט איצט געטהיילט יעדען צו קליינע גלעזעליך און געוואָרענט אַז מעהר וועט קיינער ניט בעקומען, „דאָס איבריגע וועט מען אויסטרינקען אי"ה אויף אַנישקעס תנאים".

אַנושקע האָט געענטפֿערט זי איז גרייט באַלד אַ כַּלָה ווערען אַבי זי זאָל יעדען געבען נאָך צו גלעזעליך, נאָר די מוטער איז אַוועקגעגאַנגען מיט דעם סלאָי זאָגענדיג דערביי „אַז מען זאָל צו־וואַרטען ביז דער חָתָן וועט קומען".

— די מאַמע וואָלט מיך נור געוואָלט חֲתוּנָה מאַכען, זי אין מיינע יאָהרען האָט שוין געהאַט אַ פּאָר קינדער. אַנאַ האָט זיך צולאַכט, ווענדענדיג זיך צו אידאָן — ביי אייך אין לאַוראָווע מאַכט מען נאָך היינט אויך חתונה צו זעכצעהן יאָהר?

— צו זעכצעהן זעלטען, נאָר דאָס מעהר האָבען חתונה צו אַכצעהן, צוואָנציג יאָהר.

— נו און מעהר ווי צוואָנציג יאָהר איז ביי אייך קיין פֿרייליינס ניט דאָ?

— עס איז דאָ נור זעהר זעלטען, זיי האָבען אויך דערנאָך חתונה.

— נו און אַז עס מאַכט זיך פֿאָרט ניט קיין חתן, פֿערזיצט מען?

— ניין, אַ יודישע טאָכטער פֿערזיצט ניט און התנים געפֿינען זיך ביי אונז גענוג.

— אַ גליקליך שטעדטיל, האָבען זיך אַלע צולאַכט.

— ניט אַזאַ גליקליכס ווי איהר מיינט. אמת, התנים געפֿינען זיך גענוג, אבער דאָס מעהר אַזוינע וואָס מאַכען נור אומגליקליך יודישע טעכטער.

— פֿאַר וואָסושע? זיי זענען שכּוֹרים, שפּיעלען אין קאָרטען? צי זיי האַלטען זיך ניט צוהויז און לעבען אַ גוטען טאָג? אַזוינע מאַנען זענען ביי אונז אויך דאָ.

— אָ ניין, פֿערקעהרט, זיי זענען זעהר לייטישע יונגע לייט, האָבען ליעב די פֿרויען, זיצען צו הויז, פֿערגינען זיך קיין זאַך אָהן זייערע פֿרויען און קינדער, נאָר זיי זענען נעביך אַזוי אומגליקליך. כָּל זְמַן מען האָט

דעם נֶדֶן, האַנדעלט מען, זואַנדעלט מען, מען שווינדעלט. זעהר אַ קליינער פּראָצענט איז אים שטאַנד אויסצוהאַלטען ווייב און קינדער, דאָס מעהר אָבער ביי דעם קלענסטען שלעכטען צופֿאַל בלייבט אייביגע אֶבְיוֹנִים, וועלכע קענען שוין צוריק צו די כּוֹחוֹת ניט קומען. קינדער וואַקסען אין „סטוּפּ אַריין", אָהן ערציהונג, אָהן אַ שום פֿאַך צום לעבען, און אָט די קינדער ווערען דערנאָך גרויסע מענשען, וואָס טויגען צו קיין שום זאַך אין דער וועלט. די געצעהלטע רייכע יודען, וואָס געפֿינען זיך ביי אונז, זאָרגען ווייניג פֿאַר דעם כְּלַל, און אַזוי דרעהען זיך אַרום ביי אונז לעבעדיגע מֵתִים אָדער קאַליקעס, און דאָס גאַנצע אומגליק נעמט זיך דערפֿון, וואָס יודישע קינדער לערנען אַלעס צו ביסלעך און קענען גאָר ניט און בעמערקען עס ערשט דאַן, ווען זיי טרעטען שוין ווייט אַריין אין לעבען, ווען מען האָט שוין אַ ווייב מיט קינדער און מען קען פֿון זיך שוין גאָר ניט מאַכען.

באָריס פּעטראָוויטש, וואָס האָט זיך אָן אָנהויב ווייניג צוגעהערט וועגען וואָס „קינדער רעדען", האָט זיך פּלוצים אָנגערופֿען.

— ווען אידאַ רעדט ווייזט זיך מיר אויס ווי איך הער רעדען איהר טאַטען. אָ עס איז שוין זעהר לאַנג זייט מיר, לאַוראָווער יונגע לייט, פֿלעגען אַמאָל אַזוי רעדען פֿון דער יודישער לאַגע, ווי עס ווייזט אָבער אויס איז נאָך איצטער דאָרט פֿיעל ערגער געוואָרען.

און באָריס פּעטראָוויטש האָט זיך דערמאַנט אָן דער צייט ווען ער איז געוואָרען אַ לאַוראָווער איידעם און געזעסען ביי שווער און שוויגער אויף קעסט. ער געדענקט שוין ניט ווי אַזוי ער האָט זיך בעקאַנט מיט די יונגע לייט וואָס מען פֿלעגט זיי רופֿען אין שטאָדט „אַפּיקוֹרְסִים", זיי האָבען איהם דאָס ערשטע מאָל געעפֿענט די אויגען, און ער האָט זיך זיי איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען. ער געדיינקט אַז מען האָט דאַן פֿיעל גערעדט וועגען „כְּלַל יִשְׂרָאֵל", וועגען דער „מענשהייט" און עס איז געבליבען מען זאָל לויפֿען אין דער וועלט מאַכען פֿון זיך מענשען. ער איז אויך צו זיי געשטאַנען, נאָר ווי ער האָט זעהר ליעב געהאַט זיין שרה ביילען, האָט ער איהר אַלעס דערצעהלט בְּסוֹד סוֹדוֹת אַז שווער און שוויגער זאָלען ניט וויסען. ער האָט איהר ערקלערט, אַז ער וויל פֿאָהרען לערנען און ווערען אַ מענש. זי האָט ניט פֿאַרשטאַנען וואָס אייגענטליך וויל ער, נאָר זי האָט געגלויבט איהר בּרוּך'ן, אַז ער וויל חו"ש קיין שלעכטע זאַך ניט טהון, איז זי בעשטאַנען, ער זאָל פֿאָהרען לערנען, טאַטע־מאַמע זאָלען ניט וויסען, און ער איז צוזאַמען מיט זיינע חברים אַנטלאָפֿען.

דאָרט אין דער גרויסער וועלט האָט זיך אַרויסגעוויזען אַז קריינען האָט קיין גרויסע פֿעהיגקייטען צום לערנען. זיינע חברים האָבען איהם געראָטען ער זאָל זיך לערנען אַ מְלָאכָה און ער איז אַריינגעטרעטען אַרבייטען צו אַ קאָוואַל. פֿון דעם קאָוואַל איז ער איבערגעגאַנגען צו אַ זייגערמאַכער און דערנאָך גאָר צו אַ שניידער. דאָ האָט ער געפֿונען זיין אֱמֶתען טאַלענט, ער האָט שוין געקענט צושניידען, שוין געפֿיהרט אַליין מאַסטערסקאַיאַ און שוין זאָגאַר געוואָלט אַראָב ברייננען צו זיך זיין פֿרוי און קינדער, נאָר ער האָט זיך בעטראַכט אַז כאָטש ער איז שוין אַ בַּעַל מְלָאכָה, נאָר פֿאָרט אַ „פּאַרטאַטש". פֿיעל יודישע בַּעַל מְלָאכוֹת שטאַרבען פֿאַר הונגער נור דערפֿאַר וואָס זיי קענען ניט די מלאכה ווי עס דאַרף צו זיין, וואָסזשע האָט ער דאָ אויסגעפֿיהרט? זיין דערזעלבער קאַליקע וואָס פֿריהער. אַ דאַנק אַ בעקאַנטען שניידעריונג וואָס האָט געאַרבעט פֿריהער אין פּאַריז און דערנאָך ביי איינעם פֿון די בעסטע פּעטערסבורגער שניידער, איז איהם איינגעפֿאַלען אויך פֿאָהרען קיין פּאַריז. אַביסעל נדן־געלד האָט ער נאָך געהאַט, אַביסעל פֿלעגט ער פֿערדיענען, און דאָס האָט איהם געגעבען די מעגליכקייט צו פֿאָהרען קיין פּאַריז. דאָרט האָט ער געאַרבעט אַ יאָהר דריי און איז ווידער געקומען קיין פּעטערסבורג. דאָ האָט ער בעקומען אַ גוטע שטעלע, דערנאָך, ווען ער איז געקומען צו עטליכע רובל, האָט ער אַליין געעפֿענט איין אייגענע מאַסטערסקאַיאַ. יעצט רעכענט ער זיך פֿאַר איינעם פֿון די פֿיינסטע שניידער און אין זיין מאַגאַזין קומען אַריין פֿון די גרעסטע לייט און באַשטעלען אַרבייט. קיין קאַפּיטאַלען האָט ער ניט, נאָר ער פֿיהרט זעהר אַ שעהן הויז, זיינע קינדער האָט ער געגעבען די בעסטע ערציהונג. פֿון זיינע עלטערע צוויי זיהן האָט ער אפילו אויך געוואָלט מאַכען שניידער ווי ער, נאָר זיי האָבען זיך ניט געלאָזט און זענען אויסגעוואַקסען דאָקטוירים. פֿאַר אַנען האָט ער אָנגעגרייט עטליכע טויזענד רובל נדן. ער האָט נאָך דריי קינדער, אַ מיידעלע און צוויי יונגליך וועלכע לערנען אין שולע, נאָר ער רעכענט דורכאויס פֿון די יונגליך, ווען זיי וועלען אונטערוואַקסען, שיקען זיי קיין פּאַריז לערנען שניידעריי און זיי אויף דער עלטער איבערגעבען זיין פֿירמאַ מיט וועלכער קריינען פֿלעגט שטענדיג שטאָלצירען.

וועגען דעם „כלל ישראל" און „מענשהייט", וואָס ער פֿלעגט אַמאָל מיט זיינע חברים רעדען, האָט ער פֿערגעסען ווי אין „זיי געזונד". אידאַ האָט איהם איצט אין יענער צייט דערמאַנט.

— עס ווייזט אויס אַז איצטער איז דאָרט נאָך ערגער, האָט ער איהר געזאָגט, און איז זעהר צופֿריעדען געוועזען וואָס ער האָט זיך צוריק מיט דרייסיג יאָהר אַרויסגעהאַפּט פֿון די „קאַליקעס", ווי אידאַ רופֿט זיי אָן.

— אידאַ! האָט זיך פּלוצים שרה ביילע אָנגערופֿען, עס איז שוין צעהן אַ זייגער, איהר וועט עפּיס עסען און געהן שלאָפֿען, ביי אונז אין לאַוראָווע שלאָפֿט מען שוין לאַנג. דאָ עסט מען וועטשערע צוויי ביי נאַכט און מען לעגט זיך שלאָפֿען פֿאַרטאָג, כ'לעבען קומט מיט מיר עסען.

אין לאַוראָווע שלאָפֿט זי בֶּאֱמֶת שוין אין דער צייט וּבִפְרָט זי האָט זיך אַביסל געפֿיהלט מיעד פֿון וועג און זי איז מיט מאַדאַם קריינען, וועלכע פֿלעגט דאָ אויך פֿריה זיך לעגען, געגאַנגען עסען. אַלע האָבען געלאַכט.

— איהר מעגט לאַכען און מיר וועלען בעסער מאַכען, האָט שרה ביילע געזאָגט.

*

אויף מאָרגען זייגער אַכט, ווען אידאַ האָט זיך אויפֿגעהאַפּט פֿון שלאָף, האָט זי געזעהן ווי זי געפֿינט זיך אין אַ שען צימעריל, אַ קעגען איהר שלאָפֿט אַנאַ, נאָר אַזוי געשמאַק ווי „אין ערשטען שלאָף". צווישען זייערע בעטען שטעהט אַ טואַלעט טישעל פֿול אָנגעשטעלט מיט אַלערליי פֿלעשעליך, סלויעקליך, שיסעליך, פּודעליך, בערשטעליך או קעמעליך.

אויפֿשטעהן האָט זי ניט געוואָלט, זי זאָל ניט שטערען אַנען פֿון שלאָף, איז זי געלעגען און בעטראַכט אַלעס וואָס עס געפֿינט זיך אין צימער. פֿון איין זייט אַ וואַש טיש, פֿון דער צווייטער זייט אַ קליידער שאַפֿע און ווידער האָט זי איבערגעטראָגען די אויגען אויף דעם טישיל מיט די פֿלעשעליך און פּודעליך.

— אַ גאַנצע אַפּטהעק, אַ גאַנצע פֿאַבריק, האָט זי געטראַכט.

פּלוצים האָט זיך שטיל געעפֿענט די טהיר און די מאַדאַם קריינען האָט זיך אַריינגערוקט מיט אַ שיינענדיג געזיכט און מיט אַ גלאָז טהע און צוויי פֿרישע בייגעל אין דער האַנד.

— אַ גוטער מאָרגען דיר, איך וועל דיר זאָגען „דו", איך קען דיין מאַמען פֿון מיידעלוויז, האָט זי זיך געווענדעט צו אידאַן. הונדערט יאָהר זאָלסט דו מיר לעבען, מיין האַרץ האָט מיר אָבער געזאָגט אַז אַכט דעם זייגער וועסט דו שוין ליגען מיט אָפֿענע אייגעליך. טרינק אַ גלעזעלע טהע, האָט זי געזאָגט און זיך געזעצט ביי אידאַן אויף דעם בעט. טרינק, שעם זיך ניט. איך אין דיינע יאָהרען פֿלעג אויך אין לאַוראָווע אויפֿשטעהען ניט שפּעטער ווי זיבען אָדער אַכט, היינט שטעה איך אויך אויף ניט שפּעטער, טרינקט'זשע, וואָס שעמסט דו זיך.

— איך שעם זיך ניט, נאָר אַנאַ וועט אויך מִסְתָּמָא באַלד אויפֿשטעהן, וועלען מיר צוזאַמען טרינקען.

שרה ביילע האָט זיך שטאַרק צולאַכט.

— פֿאַר איינס אָדער צוויי אַ זייגער בין איך דיר עָרֵב אַז זי וועט ניט אויפֿשטעהן, זי האָט זיך מסתמא געלעגט פֿיער פֿינף פֿאַר טאָג.

— וואָס־זשע האָט זי געטהון אַזוי שפּעט.

— וואָס? אָדער מען איז געזעסען און געפּלאַפּעלט אָדער געלעזען אַ פּוסט ביכעל. וועי אפילו זי זאָל זיך וועלען פֿריהער לעגען, קען זי

אויך ניט, אַזוי זענען שוין אַלע פֿרויען און פֿריילין דאָ אין דעם וויסטען פּעטערבורג געוואָהנט. מען עפֿענט די אויגען צוויי, ביז דריי טרינקט מען אין בעט קאַווע אָדער טהע, פֿון דריי ביז פֿינף גיט מען זיך אָב מיט דער אַפּטהעק וואָס געפֿינט זיך דאָ אויף דעם טישיל, פֿון פֿינף ביז זעקס שפּאַצירט מען אַביסל. זעקס געהט מען צו מיטאָג, און אַכט אַ זייגער געהט מען אין טהעאַטער אָדער מען געהט צו גאַסט, אָדער געסט קומען צו אונז, אַט נאָט, זעהט, זי האָט אפילו קיין צייט ניט געהאַט די קליידער אויפֿהענגען אויף אַן אָרט, וואַלגערט זיך אַלעס אונטער די פֿיס, אַזאַ לעבען, אימשטיינס געזאָגט, פֿיהרט מען דאָ, אַזאַ מאָדע איז דאָ, אויף מיינע שׂוֹנְאִים געזאָגט געוואָרען אַזאַ לעבען, ניט פֿאַר קיין יודישע טעכטער געזאָגט. אוי ווען גאָט בענשט מיך הֲתוּנָה מאַכען אַנישקען, וואָלט איך שוין אַליין אַוועקגעוואָרפֿען און אַנטלאָפֿען קיין לאָוראָווע, חאָטש קומען צו קֶבֶר־יִשְׂרָאֵל. איך וויל ניט ליגען דאָ צווישען אייגענע גוים, זאָלסט זעהן דאָ, מיין קינד, אַ בֵּית־עָלְמִין. ניט איצט געדאַכט, אונזערער אַ בעקאַנטער סוחר איז געשטאָרבען, זענען מיר דאָרט געוועזען, די מַצֵבוֹת זענען אַלע גוי'ישע לְשׁוֹנוֹת געשריבען, נור ניט אויף יודיש. היינט מיינע שַׁבָּתִים מיט מיינע יָמִים־טוֹבִים, אומשטיינס געזאָגט. פֶּסַח טהוט מען מיר צוליב און מען זעצט זיך ביים סֵדֶר, עס קומען געסט, מען זעצט זיך אַרום טיש, מען רעדט, מען לאַכט, מען נעהמט קיין וואָרט הַגָּדָה אין מויל, נור איך מיט מיין מאַן זאָל לעבען "זאָגען". ער וואָלט אויך ניט "געזאָגט", נאָר ער טהוט מיר צוליב, אַלע לאַכען און ווערטלען זיך און אין גאַנצען האָט עס אַ פָּנִים ווי אַ קאָמעדיע אין טעאַטער, נאָר גוט איז האָטש דאָס אויך, וואָס וואָלט איך זיי געטהון, אַז זיי זאָלען זיך צום סֵדֶר אפילו ניט וועלען זעצען. — איהר וועט אפשר נאָך טרינקען אַ גלעזעלע טהע, אַיאָ, עס איז גוטע בייגעל, דאָס איז דאָס איינציגע גוטס אין פּעטערסבורג וואָס מען קריגט דאָ גוטע געבעקס, און ניט טייער.

— ניין, איך דאַנק אייך, איך וויל מעהר ניט, איך וויל אַנישקען ניט אויפֿוועקען פֿון שלאָף, איך וועל נאָך טרינקען מיט איהר צוזאַמען.

— האַ, האַ, האָט זיך שרה ביילע ווידער צולאַכט, אויפֿוועקען פֿון שלאָף, זאָגסט דו? אַ נו זאָל מען דונערען און שיסען וועט זי דען אויפֿשטעהן, דו וועסט נאָך דריי מאָל הונגעריג ווערען ביז זי וועט אויפֿשטעהן, און דערנאָך מיט איהר אויך טרונקען צוזאַמען טהע.

אַזוי רעדענדיג איז זי מיט דעם ליידיגען גלאָז אַוועקגעלאָפֿען און באַלד נעבראַכט נאָך אַ גלאָז טהע.

— אַז דו וועסט אָפּטרינקען קענסט דו נאָך שלאָפֿען אַביסעל, דו האָסט זיך גענוג נעביך אָנגעפֿאָהרען, ווען עס זאָל האָטש ניט זיין אַזוי ווייט אַט דאָס לאָוראָווע, וואָלט איך מיך געקענט אַ מאָל אַראָבכאַפּען און אַזוי דאַרף מען האָבען אַ גאַנצען חֹדֶשׁ, איידער מען פֿאָהרט, איידער מען זעהט זיך און איידער מען קומט. נו, פֿרעג איך דיך ווי קען איך זיך אָברייסען פֿון דער שטוב אויף אַ גאַנצען חֹדֶשׁ, אַט קוקט איהר אָן אַלע מיינע פְּרִיצִים, לאָס איך אַוועקפֿאָהרען אויף איין חֹדֶשׁ איז אויס שטוב, די דיענסטען וועלען בע'גנב'נען, און מיין אַלטער וואָס וועט טהון? מיין עלטערער זוהן מיט מיין שנור זאָלען לעבען וואָס זענען שוין גאָר פֿאַר זיך גרויסע מענשען אַזוי דאַרף מען ניט די מאַמען. נאָר טאָמער מאַכט זיך עפּיס הו"ש אין שטוב, דאָס קינד, מיינע ביינער זאָל עס איבערלעבען, אָדער וואָס, אָדער ווען? שיקט מען באַלד נאָך דער מאַמען, היינט ווי קען איך אַוועקפֿאָהרען?

(פֿאָרטזעטצונג קומט.)

# אַ בריעף אין די רעדאַקציע.

איך האַלט נישט דערביי אַריינצוגעהן אין וִכּוּחִים מיט דעם מְחַבֵּר פֿון "צייטונגסשטימען", וואָס איז אין דעם נומר 4 פֿון דעם "יוד" אַרויסגעטרעטען געגען מיר מיט גרויס כַּעַס. ערשטענס דערפֿאַר, ווייל איך רעכען אַז די גאַנצע "קולטורפֿראַגע" אין דעם ציוניזמוס איז די לעזער פֿון דעם "יוד" ווייניג בעקאַנט; צווייטענס, ווייל אייגענטליך האָט ער מיר גאָר ניט געענטפֿערט אויף מיינע רייד, אַז מען דאַרף ניט אַריינברענגען אין אַ פֿאָלקסאידעאַל פּאַרטייאישע מיינונגען; אַז דאָרט, וואו עס איז אָהן אַשִׁיעוּר נייטהיג שָׁלוֹם און אַחְדוּת, דאַרף מען נישט אומזיסט און אומנישט אָבגיסען מיט זודיגע וואַסער מיליאָנען פֿרומע יודען, מיט וועלכע מיר ווילען און דאַרפֿען אַרבייטען אינאיינעם פֿאַר אונזער הייליגער אידעע, אָבשרעקען זיי פֿון דער אידעע מיט פּלוידערייען, ווי לְמָשָׁל: מיר קענען ניט פֿערזיכערן אַז די "תְּחִיָה" (פֿון דעם ציוניזמוס) וועט ניט בעריהרען אַ צווייג אָדער איין עִיקָר אין דער רעליגיע; אַז מען דאַרף ניט שרייבען צו טויזענדער ציוניסטען, "אַז דאָס אָפּלאָדירען ביי דער נאַכריכט, אַז די ציוניסטישע נאַציאָנאַלבאַנק וועט זיין געשלאָסען אים שַׁבָּת איז געוועזען אַ מיאוסע חֲנִיפָה צו די "רַבָּנִים", און אַז מיט אַזעלכע און נאָך אַנדערע נאַרישקייטען לעגט מען שטיינער אויף דער הייליגער אידעע —, ענטפֿערט מיין געגנער נור קורץ: "ניין, דאָס זענען ניט קיין שטיינער, נאָר ברויט":

איך בין מוֹדֶה, אַז איך בין צו אַזאַ פּאָלעמיק ניט געוואָהנט, און פֿון אַזאַ אַרט וִכּוּחִים קען גאָר נישט אַרויס: איך וועל זאָגען "שטיינער". יענער וועט זאָגען, ברויט", און עס וועט צו קיין ענדע ניט קומען, סיידען אֶפְשַׁר אַז עס וועט זיך אַריינמישען אַ דריטער און מאַכען אַ פְּשָׁרָה: ער וועט אויסווייזען, אַז עס איז אַמאָל דאָ גאַנץ שטאַרק פֿערדאַרט ברויט, מיט וועלכע מען קען צעברעכען די ציינער, ניט ווייניגער ווי מיט שטיינער....

איך וויל נור אויפֿמערקזאַם מאַכען מיין געגנער אויף איינינע זאַכען, וועלכע קענען איהם ניטצליך זיין, אַלס "אַ מענש, וואָס איז מְחוּיָב צו נעבען אַלע וואָך, "צייטונגסשטימען". ערשטענס דאַרף אַזאַ מענש מעהר ערנסט לייענען די אַרטיקלען, וועלכע ער ציטירט. לְמָשָׁל, ער זאָגט, אַז איך שריי צו די רבנים, "אַז דורך זייער געגענשאַפֿט וועט ניט ליידען דער ציוניזם, נאָר זיי אַליין און זייער הייליגע תּוֹרָה", בְּעֵת די ווערטער זענען ניט מיינע, איך האָב נור איבערגעגעבען ווערטליך דאָס, וואָס אַ ציוניסטישער פֿעראיין האָט געשריבען. דעסגלייכען רעדט ער וועגען די קישינעווער בריעף האָטש ער האָט זיי ניט געלייענט. ער זאָגט אַז אין זיי רעדט זיך וועגען רענאַן. און אַז ער וואָלט געלייענט די בריעף וואָלט ער געוואוסט אַז רענאַן'ס נאָמען ווערט גאָר ניט דערמאַנט אין די בריעף.

צווייטענס, זאָגט ער, אַז מיין פֿרומער אויער קען ניט פֿערטראָגען אַזאַ שרעקליך וואָרט ווי "נייע תּוֹרוֹת". ער דאַרף אָבער פֿערשטעהן, אַז מען דאַרף גאָר ניט פֿרום זיין אום נישט צו וועלען נ י י ע ת ו ר ו ת. אֶפְשַׁר טאַקי דער פֿאַר, וואָס אין מיינע יונגע יאָהרען בין איך שטאַרק אַרויסגעטרעטען געגען די תּוֹרוֹת פֿון "צפֿת און קראָקוי", שטעדט, וועלכע זענען אַלענפֿאַלס אַמאָל געוועזען בעריהמטע "מְקוֹם־תּוֹרָה'ס" — בין איך אויך אויף מיינע עלטערע יאָהרען אונצופֿריעדען, פֿון די "נייע תּוֹרוֹת", וואָס געהען אַרויס פֿון קישינעוו, וועלכע איז קיינמאָל קיין מְקוֹם תּוֹרָה ניט געוועזען.

ענדליך דאַכט מיר, אַז די אַלע טענות וועגען מיין פֿרומקייט קעהרען זיך דורכאויס ניט אָן ניט מיט דער פֿראַגע, פֿון וועלכער עס האַנדעלט זיך, און ניט מיט די לעזער פֿון דעם "יוד", און אומזיסט האָט זיך מיין געגנער בעמיהעט צו געבען מיר פֿאַר זיי אַזאַ ליבליכע רעקאָמענדאַציע. איך וועל שוין ניט זיין ניט קיין רַב און ניט קיין שׁוֹחֵט, און קיינער דאַרף זיך ניט אינטערעסירען מיט דעם, אויב איך בין פֿרום אָדער ניין.

משה ליב ליליענבלום.

---

## ציון למת!

דעם ז' אדר איז געשטארבען איין ווארשעווער אבי:ואטעל ה' ח י י ם ר ז א נ ד, אין אלטער פֿון 70 יאהר אלס סוחר במשך פֿון 40 יאהר איז ער געוועזן יעדען בעקאנט פֿאר איין הויפטעהרליכען מאן. זיינע יורשים האבען געשענקט 1500 רו"כ: 300 ר' אויף דעם נייען יודישען שפיטאל און 1200 רו"כ אויף דער יודישער געמיינדע ת נ צ ב "ה. י"א.

Verlag „Achiasat“. Verantwortlicher Red. M. Berkowicz. — Herausgeber u. Buchdrucker Josef Fischer Krakau.

## די אגענטען פון „דעם יוד“ אין רוסלאנד.

אָדעסאַ: ש. האָרנשטיין (בעזאימיענני פערעאולאָק נו׳ 28); י. שערמאַן (רישעלעווסקאיא נו׳ 28); מ. שיינקין (אוספענסקאיא נו׳ 111); שוכהאַלטער (געזעל. „כרמל“, רישעלעווסקאיא הויז ברבש).— אומאן: מ. לאָקאַצשער. — אלקסנדריא: מ. מארגינאוו. — אלעקסאנדראווסק: מ. סטעלין. — ארגעיעוו: א. בארסוצקי. — באברויסק: י. גינזבורג. — בערדיטשעוו: מ. ב. קליינמאַן. — בריסק דליטא: בן־ציון ניימאַרק.—ביאַליסטאָק: ש. ליפשיץ: י. אינדיצקי; פ. מ. שפירא; מ. סוכאוואלסקי. — ביעלאיא צערקאוו: דר. י. צשערני; מו״ס הערצבערג. — באקו: ג. ל. דאָמשלאַק: מ. מ. האָראָוויץ. נ. ג. גינצבורג, הויז דאַדאַשעוו וואהנונג קאָוואלסקי.— ביעלצי: א. ד. ראָזענטהאַל.— בריצשאַני: מ. שוטיאַק. — בענדערי: י. ניסענבוים. — גראָדנא: בצלאל יפה; ה. א. יאנאווסקי (פאָרשטאַדט). — גראיעווא: א. פיינשטיין. — דובנא: לעוו האלפערן. — דווינסק־ב. ברעוודאַ: פ. שעפטעל. — האמעל: מ. שניאוראוו. — וואַרשא: א. צוקערמאן (נאַלעווקי 15); הוצאת „תושיה“ (פאוויא 16); האחים לעווין־עפשטיין (געגשא 5); נחמיה צערנאָוויץ (דזיקא 16); ב. שיינפינקעל (רימארסקא 3); א. י. שפירא. — ווילנא א. מאשעוויצקי (אנדרעיעווסקאיא, הויז באַק); י. ל. עפעל (טראקסקאיא); יצחק פונק. — וואלקאוויסק: יצחק וועלוועלעוויץ. — וויניצא: ש. רובינשטיין; יעקב צוויזמער. — ווערזבאלאווא ג. א. מ. לעווין. — זאוויערציע: גאנצוויך. — זיטאָמיר: הירש עפשטיין; א. סקאמאראווסקי. — זגוריצא: מ. בעקקער. — חארקאוו: דר. שלאפאשניקאוו (ריבנאיא 25); — חאטין: קארל רייסס.— טאלטשין: ג. פיטאוועצקי.— יעליסאוועטגראד: ג. סלוצקי.— יעקאטערינאסלאוו: י. מ. מארקאָווסקי. — לאָדז: ס. האכבערג, צערגעלניאנא 36; יוסף זילבערשטראַם (פעטראקאווסקא 50). — לובלין: ע. זינגער. — מאָסקוי: דר. ברומברג (פאקראָווקא הויז שישילעוו).— מינסק: י. נפך; מ. האלפערן; י״נ גאָלדבערג. — מעזריטש: ש. ב. מינץ. — מאהילעוו גוב.: ש. יפה. — מאזיר: איסר פישמאַן. — ניעזשין: ב. שניאורסאָן.— ניקאלאיעוו: ט. סקאבליאנקאוו (מאסקאווסקאיא 32).— נעסוויזש: ג. סלאנימסקי.— סקאפין: א. קאפלאַן. — סאראקי: ש. היללס.— סיני: א. בערנשטיין.— סלוצק: ש. רייסער.— סלאנים: י. ריעזניקאווסקי. — סטארא־קאנסטאנטינאוו: מ. מ. ראבינאָוויטש. -- סמאָלענסק: א. איזראעליטאַן.— סובאלקי: דניאל ראָזענטהאַל. — פאַלטאווא: מ. באראכאוו (מאנאסטירסקאיא). — פינסק: פ. בארנאדסקי.— אייזיק גאָלדמאַן. — פעטראקאוו: מ. פיינקינד. — פלאצק: ג. מינץ; ה. פלאנסקער. — פעטערסבורג: ש. ראפאפארט (זאבאלקאנסקי 7); מ. זק״ש (גאראהאוואיא 29); א. פ. קרושצאנסקי אלעקסעיעווסקאיא 4/21. — פראסקוראוו: מ. סאבאל. — פרילוקי: סופעניצקי.— קישינעוו: ל. ווילענסקי; פ. אווערבוך; ש. בערליאנד; מ. פינקעלשטיין. — קאוועל: ה. געללער. — קאלוואריא: י. אראנאוויץ. — קאליש: ש. וועלטסמאַן.— קיעוו: ש. ראבינאוויץ (שלום עליכם) (ב. וואסילקאווסקאיא 5); י. שעפטעל; א. איזגור; נ. ג. בערהאָלצעוו (מארינסקא־בלאגאווישצע נ׳ 8). — קיעוו־דעמיעווקא: אוסיאוויץ.— קיידאני: יצחק דאָס.— קרעמענצוג: אליעזר שלעז; ט. שלענסקי; ז. יודעלעוויץ; מ. ראַבינאָוויץ.—קאָוונא: י. הארוויץ (מעראוויץ).—קאמענעץ פאד.: מ. פ. זיידמאַן.— ריגא: ג. לעוויטאס; ג. קאצענעלענבאָגען. — ריעזיצא: ב. שערעשעווסקי.— ראדאם: אַדאָלף צוקער.— ראווגא: ז. קניאזשער.—ראסטאוו ע״נ דאן: ה. שערשעווסקי.


# לוח אחיאסף תר״ם

## נמכר כלו ואיננו עוד!!

## די פאלקסגעשיכטע פון גרעטץ געבונדען!

אונזערע אַבאָנענטען וועלכע ווילען בעקומען די פאָלקסגעשיכטע“ געבונדען אין 2 פראכטבענדער (ענגלישע ליינוואנד מיט גאָלדענע בוכשטאבען און שענע פערציערונגען) דאַרפען צאָהלען בעזונדער פיר דעם איינבאַנד 60 קאָפ׳, אַלזאָ וועט קאָסטען פאַר די אַבאָנענטען פון „יוד“ די פאָלקסגעשיכטע געבונדען אין 2 בענדער — 1,60 ר׳ (מיט פארטא 2,10 ר׳).

**Verlag „Achiasaf“, Warschau.**

## דרך לעבור גולים

מאת משה ליב ליליענבלום.

הספר הזה יספר לנו בדברים נאמנים ומושכים את הלב את תולדות ישוב ארץ ישראל עד התיסדות חברת התמיכה, אופני התפתחות המושבות בא״י, אספות חו״צ ופעולות הרבנים בענין השמיטה וכו׳ ויכלכל חומר רב הערך לתולדות היישוב ראשי חו״צ כמו הג׳ רש״מ, הד״ר פינסקר וכו׳.

מחירו 75 קאָפ. ועם פאָרטאָ 83 קאָפ.

Verlag „ACHIASAF“, Warschau.

# דעת אלהים.

## תולדות הפילוסופיא הדתית בישראל.

מאת דר. ש. ברנפלד.

הספר הזה הוא גדול ונכבד מאד ובלי הפרזה, נוכל לאמר כי לא היה כמוהו ספר מקורי, גדל־הכמות והאיכות בזמן האחרון בספרותנו. מטרת הספר הזה, כפי שיבאר לנו המחבר, היא לתת לקהל הקוראים תולדות הפילוסופיא הדתית ולהעביר לפניהם את פרטי השתדלותם של חכמי ישראל בכל דור ודור לאחד הדת עם הפילוסופיא, לחזק הדת על ידי זה. הספר הגדול הזה מתחיל מתקופת כתבי הקדש ומסיים בעת החדשה, ומברר שיטות הפילוסופים שקמו בעמנו מאז ועד הנה. בדרך הילוכו נוגע המחבר גם בחקירת תולדות הפילוסופיא הדתית בכלל כפי צורך הענין.

ספר ראשון: מזמן כתבי הקדש עד סיום תקופת הסופרים.
ספר שני: מזמן התנאים עד סמוך לדור הרמב״ם.
ספר שלישי: רבנו משה בן מיימון.
ספר רביעי: הקבלה והפילוסופיא החדשה.
ספר חמישי: התקופה האחרונה.

מחיר כל הספר 2,75 ר׳ ועם פארטא 3 רו״כ. מכורך הדר בשני כרכים 3,30 וע״פ 3,60 ר׳.

**Verlag ACHIASAF, Warschau.**

# אסף המזכיר החדש

מאת ח. ד. ליפפא.

כרך גדול בעל 500 עמודים

יכלכל רשימה שלמה מכל הספרים ומכתבי עתים, אשר יצאו לאור במשך שנות תרמ״ב—תרג״ח והכתובים בלשון הקשר ובשפות החיות ונוגעים ליהודים בצירוף שמות של מחברים, רבנים׳ מטיפים, חכמים ומולי״ם מאחינו ומחכמי אוה״ע, ע״פ סדר א״ב.

מחירו 3,20 רו״כ ועם פארטא 3,50 רו״כ.

Verlag „ACHIASAF“, Warschau.

## פאבריק און סקלאד פון פלאַשען־קאָרקעס

ל. בלייבערג, ווארשא, פראַנציסקאַנסקאַ נו׳ 16.

בריעף־אַדרעסע:

L. BLEIBERG, Warszawa, Franciszkańska Nr. 16.

---

זילבער וואארען־פאבריק פראבע 84 עט פלאטטע וואארען

## S. SZEKMAN

ווארשא דזיקאשטראססע נו׳ 10 מאגאזין נאלעווקי נו׳ 20.

Fabryka Dzika 10

פערפערטיגט עכטע זילבער ווארען פאם איינפאכסטען
ביז טהייערסטען, האלטעט רייכעס לאגער אין עסס-
בעשטעקע, פערשידענע סערוויזען, לייכטערן, קאנדילאב-
רען, חנוכה לאמפען, בשמים ביקסען, צוקער-דאזען, בע-
כער, כתרים, עץ-חיים, ידן א״זוו. דאס יעדער איפטראג
אין יעדער אויסוואהל זאפארט עפפעקטירט ווערדען קאן.
אללעס צו פאבריקס פרייזען.



כתר תורה

Magazyn Nalewki 20.

נימט אָן אלטע זילבער צו גוטע פרייזע!

---

**א. באלאשער, קאָוונא**
בוכהאנדלונג
ניקאלאיעווסקי פראָספעקט.

**A. BALASCHER, Kowno**
*Buchhandlung*
Nikolajewski Pr.

פערקויף פון אלערליי ביכער אין פערשידענע שפראכען. אויסגא-
בען פון „אחיאסף״, „תושיה״, „עזרא״, „פרץ״, „ספעקטאר״, „גאספעלניק״,
שטענדיג אויף לאגער.
אבאנעמענט אויף אלע צייטונגען און זשורנאלען. אגענטור פון
„דער יוד״, „השלח״, „המליץ״, „הצפירה״, „השבוע״, „התחיה״ „די וועלט״,
„Die Welt“, „Buduschtznost“, „Woschod“.
צוזאמענשטעלונג פון ציוניסטישע ביבליאָטהעקען מיט ראבאט. אנטווארט
אויף אנפראגען גראטיס.

---

**פערלאג „עזרא״ בערדיטשוב.**
ס׳איז ארויס פון דרוק

**ד״ר הערצעל׳ס און ד״ר נארדוי׳ס רעדען**
**אויף׳ן 3-טען באזעלער קאנגרעס.**

פרייז פיר בראָשירע 8 קאפ.—ציוניסטישע חברות בעקומען ראבאט.
Verlag „ESDRA“ Berdyczow :אדרעססע

---

## „יאסעלע״

אַ נייע ערצעהלונג פון י. דינעזאהן.

פרייז 50 קאפ. מיט פּאָרטאָ 55 ק׳.

צו בעקומען אויף דער אדרעססע:

**J. Dinesohn, Warschau, Nalewki 10.**

הויפּט פערקויף ביי געברידער לעווין עפשטיין ווארשוי גענשא נו׳ 5
אויך אין פערלאג „אחיאסף״.


# ניט אמת

וואס איינעגע האבען אויסגעטראכט, אז אלע אמעריקאנישע זארג׳ן ביכער זענען
ניט וויכטיג, די ביכער וואס איך האב יעצט ערהאלטען פון אמעריקא און
זענען דא געצייכענט זענען אפראטעסט פּ״י די געגנער׳ע זאר-
גאנישע ביכער, די ביכער זענען פערפאסט פון די גרעסטע אייראפעאישע שריי-
בער ווי גראף טאלסטאי, עמיל זולא, הוגא, לעסינג, דאקטאר לעה-
מאן, עדווארד קעללי א. ז. וו. די ביכער בעליעהרען יעדען, האבען אין
אינטערעס פאר יעדען, און ענטדעקען די וועלט מיט איהרע אלע געהיימניסע,
און מ׳יר מעגען דאנקען די אמעריקאנישע זארגאנישע שרייבער פיר אזעלכע
וויכטיגע ביכער. און איך ביכהענדלער יצחק פונק בווילנא פערהאפט צו בע-
קומען דעם בעסטען דאנק פון דאס געעהרטען פובליקום וואס איך האב יעצט
פערשאפט די וויכטיגע ביכער:

1) אננא קארעניגא
2) די פערפיהרונג
3) מיין פריינדס פרוי
4) איוואן אילאיטש טויט
5) איך און מיין מאן
6) איוואן דער נאר
7) קרייצער סאנאטא

(1–7: פון גראף לעוו טאלסטאי)

8) איבער נאך 10 זארטען פון טאלסטאי.
9) די מענשליכע בעסטיעס
10) מארדערנע חונות
11) עמיל זאלאס לעבענס-בעשרייבונג

(9–11: ע. זולא)

12) די קליינע מענשעליך
13) די ריעזען

(12–13: י. סוויפט)

14) פליה מא׳שין אלווערן
15) נאטהאן דער ווייזע, לעססינג.
16) ארויס צום זוד-פאל. ע. קעללי.
17) פערבאבונג צו הייראטען איינעגע פרויען דר. לעהמאן.
18) קעמע־יען דאמע.
19) למדו הטיב.

20) אמעריקאנישע העלדען
30 בויגען
21) די ליעבע
22) היפּנאטיזמוס
23) דער טערקישער משיח
24) חלק לעולם הבא מ. נארד ו
25) ווילדע מענשע. פ. רענס

(20–24: ד. הערמאלין)

26) שווארצער קונסט
27) טריל׳כי

(26–27: א. טאנענבוים)

28) אנגאסט פ׳ן יענער וועלט
29) אישפאציר דורך דעם גיהנם
30) בייס טהיר פון גן-עדן
31) ווי׳בנאווישא די שדכנטע
32) מורא׳דיגע טעג.
33) בעטלער — גרעפין 32 בויגען.
34) קאלומבוס. הארקאווי
35) הא־קאוויס ענגלישע לערן בוך.
36) די נייעסטע ענגלישע מעטאדע פון דר. אהן.
37) קליינער ענגלישמאן א. הארקאווי.

אויך בעקומט מען ביי מיר:

1) דער יודישער מוזיק. ספעקטאר.
2) די יודישע וועלט. ספעקטאר.
3) שבט יהודה זרגון.
4) מצב ירושלים אדער דאס בית המקדש זרגון.
5) די קלאטשע. אבראמאוויץ.
6) די טאקסע. אבראמאוויץ.
7) חומש. רוסיש מאנדעלשטאם.

פיעלע סארטען ליעדער, טהעאטער-שטיק, נאטען פיר פיאנא
און פידעל אויך פיר ציוניסטישע ליעדער, און פיעל זארטען בילדער אייסלענדי-
שע, אויך אלע זארטען אמעריקאנער ביכער וואס איך האב געדרוקט אין די
אנאנסען אין „יוד״ אונטערן נאמען גאנץ אמעריקא.

**אלעס בילינער ווי איבעראל.**

אדרעססע:

**יצחק פונק, בוכהענדלער אין ווילנא.**

**JSAAK FUNK, WILNO.**

---


יצא לאור

## „האשכול״ כרך שלישי

מחירו: באוסטריה-אונגריה 1.30 ר״כ, באשכנז 2.30 מארק
ברוסיה 1.30 רו״כ, בשאר ארצות 3.25 פראנק. לפנות רק אל
עורכו ומו״לו:

**Dr. J. GÜNZIG, BIALA b. Bielitz.**

ברוסיא נמצא להמכר גם אצל חברת „אחיאסף״ ע״פ האדרעססע
Verlag „Achiasaf“, Warschau.

---

## O współczesnem położeniu żydów.

**Mowa Dra Maxa Nordaua**

na pierwszym kongresie w Bazylei.

Cena egz. 10 Kop. — 15 ct.

**Wydawnictwo „Achiasaf“ Warszawa.**